זײַכצענטער יאָרגאַנג

№ 9

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". פּרײַז 20 גראָשן.

טשענסטאָכאָווער צײַטונג

Piątek 26 lutego 1937 | ליכט-צינדען 4.52 | פרייטאג פ׳ תשא, ט׳ו אדר תרצ״ז

Bibljot. Jagiellońska Kraków Zw. Anny 19

ZAWIADOMIENIE.

Mam zaszczyt zawiadomić, iż po powrocie z Paryża, gdzie ukończyłem Państwową Akademię Kroju i Szycia, z wieloletnią praktyką najpoważniejszych firm w Warszawie, otworzyłem

Pierwszorzędny Paryski Zakład Krawiecki Męski p. f. „TRES-CHIC"

w Częstochowie przy ul. Najśw. Marii Panny 33 m. 13, telef. 11-87.

Zakład mój jest zaopatrzony w najnowsze towary sezonowe krajowe i angielskie oraz żurnale z Domów Mód francuskich i angielskich. - Wykonanie solidne. - Praca wykwintna. - Warunki dogodne.

Polecając się łask. względom Sz. Klijenteli, pozostaję z poważaniem

M. Rozenblum, dypl. akademik Państw. Akad. Kroju i Szycia w Paryżu.

דעם ה׳ **משה וויען** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **אדעלא** מיט ה׳ **מ. ראָזענבלום** מיין הארציגען מזל-טוב.

שמואל פראַנק.

שרה בינה זשולטאַק
שמואל שמולעוויטש
פערהייראַט
וויעלון אין לוטי 1937.

צו דער חתונה פון אונזער ליבע טאָכטער און שוועסטער **שרה בינה** מיט ה׳ **שמואל שמולעוויטש** ווינשען מיר זיי א גליקליך און צופרידען צוזאמענלעבען. מען זאָל ביי זיי פיעל נחת דערלעבען

עלטערן און געשוויסטער זשולטאַק

צו דער חתונה פון אונזערע פריינד **שמואל שמולעוויטש** מיט פרל. **שרה בינה זשולטאַק** אונזערע בעסטע וואונשען און די עלטערן פיעל נחת

חיים אלתר באַראַקס און פרוי, גדליה יאַקובאָוויטש

צו דער חתונה פון אונזער שוועסטער און שוועגערין **שרה בינה זשולטאַק** מיט ה׳ **שמואל שמולעוויטש** ווינשען מיר דעם יונגען פּאָר אַ גליקליך צוזאמענלעבען. די עלטערן — פיעל נחת.

גאַדל זשולטאַק, פרוי און טאָכטער.

רחל און **מענדיל עליאַש** צום געבורט פון אייער **זונדעלע** אונזערע הארציגסטע ברכות

ווינשען: **משה פערעצאָוויטש פרוי** און **זוהן, יודל** און **פייגא קאַסריעל** וויעלון.

ברוב נחת הננו מברכים את ידידנו **אשר מנדלביץ ורעיתו** לרגלי **בר-מצוה** של בנם **זאב**

יחיאל הערשליקאָוויטש ורעיתו
יעקב קרימלאָווסקי, וויעלון.

את ידידנו **אשר מנדלביץ ורעיתו** לרגלי חג **הבר-מצוה** של בנם **זאב** הננו מברכים שירוו ממנו רוב נחת

סאַנדל וואָלקאָוויטש ורעיתו, שלמה לייזעראָוויטש ורעיתו
יחיאל מאיר יאַקובאָוויטש ורעיתו

אונזערע פריינד **פריידיל** און **אשר מענדלעוויטש** צו דער **בר-מצוה** פון זייער **זוהן וואָווע** אונזערע הארציגסטע וואונשען

קויפמאן קרימאָלאָווסקי און פרוי, סשארני און פייסל כמורא

אונזער פריינד דעם דירעקטאר פון באנק קרעדיטאָווי

אשר מענדלעוויטש און פרוי צו דער **בר-מצוה** פון זייער **זוהן** פיעל גליק און נחת ווינשען

די מיטאינהאָבער פון מיהל „אַמעריקאַנקאַ", וויעלון.

ווארנונג

ה׳ ברונא ראַדאָל, א זוהן פון הערמאַן ראַ-דאָל פון ראַדאָמסק, קלייבט זיך חתונה צו האבען אין טשענסטאכאוו מיט א מיידעל.

איך מאַך דעריבער בעקאנט, אז דערזעלבער ברונא ראַדאָל האט מיט מיר חתונה געהאט אין 1930-טען יאהר און זיך נישט גע׳גט.

איך פערעפענטליך דאס דאָזיגע, כדי אַן׳אומ-שולדיג מיידעל זאָל זיך נישט לאָזען ארייננציהען אין א נעץ פון א פערהייראַטען מאַן.

רחל ראַדאָל פון דערהיים **בוגייסקא.**

KOMITET RODZICIELSKI

Gimnazjum Tow. Żyd. Szkół Średnich i Powszechnych w Częstochowie

zaprasza na

WIECZÓR TOWARZYSKI

który odbędzie się w SOBOTĘ, dnia 27 lutego 1937 r. o godz. 8-ej wiecz. we własnym lokalu przy ul. Dąbrowskiego Nr. 7.

Całkowity dochód przeznaczony na

FUNDUSZ WYKOŃCZENIA GMACHU SZKOLNEGO.

אַכטונג וויעלון!

דער שענסטער שלח-מנות

קאָסמעטישע ארטיקלען

ווי: פּערפומען, קאָסעטען-באָמבאָניערעס, פּולווערזאטאָרען אדגל.

לוקסוס-ביזשוטעריע

ווי: בראַנזאָלעטען, בראָשען אדגל.

עלעגאנטע **אַלבאַסטער-אויסאַרבייטונגען**

אין דער פערפומעריע **URODA**

wł. H. SZAJA, Wieluń, Narutowicza 2.

ביליגע פרייזען. רעיעלע בעדינונג.

ZUSMAN KRAUZE אָבער — ad, see below

Bank Kredytowy Ludowy w Wieluniu.

זונטאָג ד. 28 פעברואַר 3 נמ.

אין מכבי-זאַל נאַרוטאָוויטשאַ 13 קומט פאָר

די אַלג. מיטגלידער-פערזאַמלונג

פון באַנק קרעדיטאָווי לודאָווי

אין וויעלון. אויפ׳ן טאָג-אָרדנונג 10 פונקטען.

אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען.

זאָלען אַלע וויסען,

אַז נישט דוקא אין די אַלעען, נור אויך אין נייעם מארק איז די רעיעלסטע און די ביליגסטע קוועלע, וואו עס געפינט זיך שטענדיג אַ גרויסער אויסוואַהל

פון מאָדערנע וואָל און זיידענע סחורות, גאַרדינען, פלוש-דעקען אַלערליי ווייסוואַרען, פּולקאָמעס אויסשטייערן, הורט און דעטייל

און דאס איז ביי

ZUSMAN KRAUZE

CZĘSTOCHOWA, NOWY RYNEK № 6.

וויעלון! וויעלון!

אַלע איינגעלאַדענע

טרעפען זיך שבת-צו-נאַכטס אויף דעם

טראַדיציאָנעלן פורים-באַל פון **מכבי**

הערליכע דעקאָראַציעס. צוויי אָרקעסטערס.

געשמאַקער בופעט. פיעל אַטראַקציעס.

אַכטונג!!!

געלעגענהייטס = אויספערקויף

פון טשעכיש פאָרצעלאַן CZESKIEJ PORCELANY

טישסערוויסען פון 30 זל. אָן, טאַסען מיט ספּאָדקעס, טעלער דע-קאָרירטע פון 60 גר. אָן, טיש-גלאָז, פאַיאַנס און אנדערע ארטיקלען

אַלעס צו זעהר ביליגע פרייזען

Skład szkła, porcelany i fajansu **B. SACHSENHAUS**

ul. Panny Marii 3. (wł. F. Kempińska i R. Fajner).

שבת, ד. 27 ד. ח. 10 אָוועַנד קומט פאָר

אין פייערלעשער-זאַל

דער **יעהרליכער „טאָז"-באַל**

איינגאַנג נור 1.99

פיעל אַטראַקציעס, קאָנקורסען: „מיס טאָז", באַל-קעניגין, באַל-קעניג א. א.

אַן׳אייגענער בופעט—געשמאַק און ביליג. איינגאַנג נור 1.99 זל.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג-דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אַלערלײ קליידונג.

גאַרדינען צו וואשען און צו שפאַנען.

ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס

2) דעסאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט

אַלץ צו ביליגע פרייזען.

מרכז דתי-תרבותי ע״י בית הכנסת החדש

יודאַאיסטישער אינסטיטוט אין טשענסטאָכאָוו ביי דער נייער שוהל

שבת פ׳ תשא 3 אַ זייגער נאכמ. קומט פאָר אַ **מסבת עונג-שבת**

מיט אַ רעפעראַט פון הרב ד״ר ח. ז. הירשבערג

א. ד. ט.: „דאס לעבען פון די חז״ל". איינגאַנג פריי.

די ביבליאָטעק איז אָפען יעדען אָוועַנד פון 7 ביז 10, מוצאי-שבת און זונטאג פון 6-10, חוץ פרייטאָג-צו נאַכטס. איינגאַנג פריי.

Najtaniej kupisz

MATERJAŁY BŁAWATNE

u I. WARMUNDA, KATEDRALNA 8 lewa of. parter

Przyjdź, a przekonasz się!

OGŁOSZENIE.

W myśl zarządzenia Ministerstwa Poczt i Telegrafów Nr. GMOrg. 1173 z dnia 28/I b. r. zaprowadzona zostanie z dniem 1/III b. r. na terenie powiatu częstochowskiego służba listonosza wiejskiego w zamiejscowych obszarach pocztowych wszystkich urzędów i agencji pocztowych i pocztowo-telekomunikacyjnych.

Do zakresu działania listonosza wiejskiego należy: przyjmowanie, przenoszenie i doręczanie przesyłek pocztowych i telegramów, przyjmowanie wpłat i realizowanie wypłat w obrocie oszczędnościowym i czekowym P. K. O., przyjmowanie prenumeraty czasopism i wydawnictw perjodycznych, sprzedaż znaczków pocztowych oraz inne przepisane świadczenia w miejscowościach stanowiących ich okręg doręczeń.

Podając o powyższym do wiadomości publicznej, urząd apeluje do całej ludności zamiejscowych obszarów pocztowych o jaknajszersze korzystanie z usług listonoszów wiejskich, mając na względzie, że zostali oni zaprowadzeni wyłącznie dla dogodności mieszkańców tych obszarów.

OBWODOWY URZĄD POCZTOWY
CZĘSTOCHOWA.

Częstochowa, dn. 23.II 1937 r.

אונזער חבר **משה וועקסלער**

צוליעב׳ן טויט פון זיין

מוטער

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

די חברים

Potrzebny wykwalifikowany niklarz

Zgłoszenia do redakcji.

טשענסטאָכאָווער יודען וועלען אויסהאַלטען דעם עקזאַמען.

די קהלה פיהרט היי-יאָהר איין בנוגע קמחא א נייעס; ביז איצט האט זי גענומען פון די בעקער א געוויסען אָבצאָהל פון מעהל, וואס איז בעשטימט געוואָרען אויף קמחא. דאס האט גורם געווען, אַז מצות זענען ביי אונז געווען טייערער, ווי אין אלע שטעדט, ווייל די מצה-בעקער האבען געהאט אָנ'אויסרייד, אז זיי געבען אַוועק ס'גאַנצע געלד דער קהלה. אויסער דעם זענען אַרום דער קמחא ענטשטאַנען אָפט סכסוכים צווישען די בעקער מיט דער קהלה אדגל.

די יודישע בעפעלקערונג האט אויך געהאט גערעכטע טענות. די קמחא-נותנים האבען גע'טענה'ט, אז אויסער דעם וואס זיי געבען דירעקט קמחא, צאהלען זיי די קמחא נאָכאַמאָל אונ-דירעקט ביים קויפען די מצות. די ווי-דער, וועלכע נעמען קמחא האבען צו-ליב'ן דאַזיגען צושטאנד געמוזט טייערער צאהלען פאַר די מצות, און גע-וועהנליך זענען די אָרימע שיכטען „בעשאַנקען" מיט מעהר קינדער צוליב וואס זיי קויפען אויך מעהר מצות, אזוי אז די בעקומענע קמחא געהט זיי אויס „באַקעם".

כדי א סוף צו מאכען מיט דער דאַזיגער לאַגע, האט די קהלה-פער-פערוואלטונג בעשלאָסען מעהר קיין אבצאהל פון דעם יום-טוב'דיג מעהל נישט צו נעמען ווי אויך צו רעגולירען דעם ענין פון די קמחא-צאהלער.

איצט גיט די קהלה ארויס אַנ'אויפ-רוף צו דער בעפעלקערונג וועגען איינצאהלען קמחא, כדי צו קאָנען אויף וויפיעל ס'איז צו שטיצען אויף פסח די פיעל הונדערטער יודישע פאַ-מיליעס, וועלכע נעהען אויס פאַר הונ-גער.

דערצעהלען, ווי אזוי די לאַגע זעהט אויס אין דער יודישער גאַס, איז איבּ-ריג, און ווען מען זאָל אַט די דאַזיגע משפחות אויך נישט קאָנען העלפען אויף יום-טוב, דאַן וואָלט עס געווען א הימעלשרייענדע עולה.

דער טערמין איינצוצאהלען די קמחא איז בעשטימט ביז דעם 10-טען מערץ ה. י. זאָל דעריבער יעדער, וועמען עס לינען אויפ'ן האַרצען די וועהטאָגען פון אונזער יודישען דלות, נישט וואַר-טען, נאָר באַלד איינצאהלען אין די בעשטימטע צו דעם צוועק ערטער ד.ה. אין דער קהלה, אין דער „פאַבריקאַנ-טען און סוחרים באַנק" אָדער אין דער „באַנק-ספּולדזיעלטשי".

דאס טשענסטאכאווער יודענטום, וועלכעס האט שטענדיג ארויסגעוויזען זיין אָפּפערוויליגקייט בעת ס'האט זיך געהאַנדעלט וועגען ראַטעווען יודען פון נויט, וועט זיכער אויך דאָס מאָל ביי דער קמחא-אַקציע אויסהאַלטען דעם עקזאַמען.

ש.

די טשענסטאָכאָווער בעקער בעשלאָסען צו פערקויפען ביליג מצות

זיי גרייטען זיך צו קאָנקורירען מיט די פּראָשעוויצער מצות.

דער בעשלוס פון דער קהלה-פער-וואלטונג נישט צו נעמען היי-יאָהר קיין קמחא אָבצאָהל פון יום-טוב'דיגען מעהל, וועט — ווי ס'ווייזט אויס — האבען א גוטען רעזולטאַט.

די מצה-בעקער האבען אויף דער פערזאַמלונג, וועלכע זיי האבען אָבגע-האַלטען די טעג, בעשלאָסען זיך צו בעמיהען מיט אלע מיטלען, אַז מצות זאָלען היי-יאָהר זיין ביליג, אזוי, אז זיי זאָלען קאָנען קאָנקורירען מיט די פרעמדע מצות, הויפטזעכליך מיט די פּראָשעוויצער, וועלכע קומען אהער אין גרעסערע טראַנספּאָרטען און זענען גורם, אַז א סך היגע יודען, וועלכע זענען בעשעפטיגט ביים מצות-אויסבאַק, זאָלען פערלירען זייערע פרנסות.

די בעקער גרייטען זיך שוין בקרוב אָנצוהויבען באַקען מצות.

א 40-מינוטיגע זיצונג פון שטאָדט = ראַט.

אויפ'ן טאָג-אָרדנונג פון דער מאָנ-טאג'דיגער זיצונג פון שטאָדט-ראַט האָ-בען זיך געפונען ענינים, וועלכע זענען שוין ערלעדיגט געוואָרען אויף דער פריהערדיגער זיצונג, נור צוליב פאָר-מעלע טעמים האבען די בעשלוסען געדאַרפט אָנגענומען ווערען נאכאמאל. די פערהאַנדלונגען זענען דעריבער גע-גאַנגען אין א שנעלען טעמפּאָ, אזוי, אַז די זיצונג האט געדויערט סך-הכל 40 מינוט. דאס איז אַלזאָ געווען די קורצסטע זיצונג פון היינטיגען שטאָדט-ראַט — הלואי אונזער קהלה געזאָגט!

אין דער אנוועזנהייט פון 38 ראַט-מענער עפענט די זיצונג פּרעזידענט שטשאַדראָווסקי. מיט 28 שטימען ווערט נאכאמאל בעשלאָסען אָבצוקויפען דעם טעאָטער-בנין פון ק. ק. אָ. אויף די בע-קאַנטע בעדינגונגען. איינשטימיג ווערט אויך בעשלאָסען אָנצונעמען די דריי הלוואות – פון ארבייטס-אַמט, פון הילפס-הלוואה פאָנד, צוזאַמען אויף דער סומע פון 87 טויזענד זלאָטעס. עס ווערען נאָך ערלעדיגט עטליכע ענינים, וואס זענען שוין געהאט אָנגענומען געוואָרען אויף דער פריהערדיגער זיצונג, בנוגע טוישען געוויסע שטחים ערד מיט מאָנ-כע היגע בעלי-בתים.

נאכדעם ווי דער פּרעזידענט ווייזט איבער דער שטאָדט-פערוואלטונג דעם אדורכגעלייענטען דרינגענדען פאָרשלאַג פון פּ.פּ.ס. וועגען אָננעמען מיטלען גע-גען יקרות פון אַרטיקלען פון ערשטען געברויך, ווערט די זיצונג געשלאָסען.

לעצטער הנחה-טערמין פאַר פער-לעגענע שטאָדטישע שטייערען.

די שטאדט-פערוואלטונג דערמאנט די פעראינטערעסירטע שטייער-צאָהלער, אַז דעם 27 טען לוטי ה. י. פליסט אָב דער לעצטער הנחה טערמין ביים איינצאָהלען פאַר פערלעגענע שטאדטישע שטייערען.

די דאַזיגע שטייער-צאָהלער, וואס וועלען ביז'ן סוף היינטיגע וואָך איינ-צאָהלען אין דער שטאדטישער קאַסע די פערלעגענע שטייערען, וועלען בע-פרייט ווערען פון צוצוצאָהלען די פּראָ-צענטען.

די דאַזיגע חובות, וואס וועלען נישט רעגולירט ווערען ביז'ן סוף היינטיגע וואָך וועלען איבערגעשיקט ווערען צו דער עקזעקוציע און וועלען אזוי-אַרום איינקאַסירט ווערען צוזאמען מיט פּראָ-צענטען און עקזעקוציע קאָסטען.

גלייכווערטלעך לכבוד פורים

פון יחיאל טשענסטאכאווער

„מפני מה נתחייבו שונאיהם של ישראל של אותו הדור כלי'? מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע". (מגילה י"ב).

די גמרא פרעגט: פאַר וואָסערען חטא זענען די יודען אין אחשורוש'ס צייטען פעראורטיילט געוואָרען אומ-געבּרענגט צו ווערען? — ווייל זיי האָ-בען הנאה געהאט פון אחשורוש'ס סעודה, אויף וועלכער זיי זענען פער-בעטען געוואָרען. דאס, וואס זיי האָ-בען דאָרט געגעסען און געטרינקען קען מען, זיי נישט פאָרוואָרפען פאַר קיין חטא, ווארום ס'איז געווען א קע-ניגליכער בעפעהל—„דינא דמלכותא—דינא". דאגעגען אָבער דאס, וואס זיי זענען געווען צופרידען פון דער דאַזיגער טרפה'נער סעודה און עס נאָך געהאַלטען פאַר א כבוד—שנהנו מסעודתו של אותו רשע—דעריבער זע-נען זיי געשטראָפט געוואָרען.

פאַרוואָס ווערט די מגילה אָנגערופען מגילת אסתר און נישט מגילת-מרדכי—מרדכי האט זיך דאָך אויך מוסר-נפש-געווען אויף קדוש השם? דער תירוץ איז: מרדכי האט זיך מוסר-נפש געווען אין א צייט, ווען עס איז נישט געווען אזא שטאַרקע נויטווענדיגקייט. למשל: „מרדכי לא יכרע ולא ישתחוה"—ער האט זיך נישט געוואָלט ביקען פאַר המנ'ען. ער האט דאָך געהאט דאס יכולת אויסצומיידען המנ'ען. אנדערש אָבער איז ביי אסתר. זי איז געגאַנגען צו אחשורוש'ן משתדל-זיין זיך לטובת די יודען, רעזיקירענדיג זיך דאס לע-בען, אין א צייט, ווען עס האט גע-דראהט די יודען א שטאַרקע געפאַהר. מחמת דעם האט זי זוכה געווען, אז מען זאָל די מגילה אָנרופען אויף איהר נאָמען.

ר' יהושיע בן קרחה אומר: אסתר ירקרוקת היתה וחוט של חסד משוך עליה (מגילה י"ג).

פאַרוואָס קען דאס ר' יהושיע בן קרחה נישט בעשטעהען, אז אסתר איז געווען א יפת-תואר, נור ער זאָגט, אז זי איז געווען א גרינע (ירקרוקת) און אחשורוש האט זי גענומען נור דער-פאַר, ווייל זי האט געהאט א חוט של חסד? דער תירוץ איז: עס איז א פלוגתא אין דער גמרא: אין וועלכע צייטען איוב האט געלעבט. זאגט דער זעלבער ר' יהושע בן קרחה, אז איוב איז געווען אין אחשורוש'ס צייטען. שטעלט זיך א פראַגע: אז איוב'ס טעכ-טער זענען געווען צו יענער צייט די שענסטע אין לאַנד—ולא נמצאו נשים כבנות איוב—פאַרוואָס האט מען נישט געגעבען אחשורוש'ן איוב'ס א טאָכ-טער פאַר א ווייב, נור דוקא די „גרי-נע" אסתר?

אַט דערמיט פערטיידיגט זיך ריב"ק, אז אחשורוש האט נישט געזוכט א שעהנע פרוי, נור אזאלכע, וואס האט א חוט של חסד.

ווי גרויס ס'איז געווען דער פּראָ-טעקציע סיסטעם אין אחשורוש צייטען, קען מען ארויסדרינגען דערפון, וואס צו יענער צייט האבען זיך נישט גע-פונען קיין שענערע פרויען אין גאנצען לאנד ווי איוב'ס טעכטער, דאָך אָבער האט מען אחשורוש'ן געגעבען פאַר א פרוי די גרינע אסתר, וועלכע מען האט געמוזט צוגרייטען: „ששה חדשים בשמן המור וששה חדשים בבשמים", ביז זי האט געקענט קומען אין קעניגליכען הויף—אסתר האט עס זוכה-געווען דורך איהר פעטער מרדכי'ס פּראָטעקציע, וועלכער איז געווען א יושב בשער המלך".

אין די צייטען פון מרדכי ואסתר זענען די יורישע פּאַרטייען געווען צווי-שען זיך צעריסען און צושפּליטערט. ס'האבען זיך 'געפינען אזעלכע פריי-געזאָנענע, וועלכע זענען געגאנגען צו אחשורוש'ס סעודה—ונהנו מסעודתו של אותו רשע; ס'זענען אָבער אויך גע-ווען רעליגיעז נאַציאָנאַלע יודען, וועל-כע האבען נישט געוואָלט אָבטרעטען כחוט-השערה פון יודישקייט—ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה. אזוי אָבער, ווי נור ס'איז ארויס דער בעפעהל: להרוג ולאבד את כל היהודים—זענען אלע יודען ארויס, כדי צו פיהרען א קאַמף געגען דער דאַזיגער גזירה. דעמאָלס האט אסתר געפינען דעם פּאַסיגען מאָ-מענט צו פעראייניגען דאס גאנצע יו-דענטום און בעפוילען מרדכי'ן: „לך כנוס את כל היהודים".

אראָב מיט די מאַסקעס...

פורים-פעליעטאָן

פון די היגע קהלה קרייזן האט מען זיך געוואָנדען צו די „פערשטעלטע" אום פורים, זיי זאָלען אַראָבנעמען די מאַסקעס, ווייל היינט איז מאַסקעס זעהר געפעהרליך צו טראָגען; איבריגענס, זענען היינט מאַסקעס גאַרנישט נויטיג, ווייל כמעט די גאנצע וועלט האט פון זיך שוין אַראָבגעוואָרפען די מאַסקעס און שפּיעלט איהר ראָלע נישט-פער-שטעלטערהייט.

אדרבה, זאָלען מיר מאכען אַנ'אי-בערבליק איבער די סטאַרען אָדער אר-טיסטען פון דער איצטיגער צייט און זעהען, צי זיי האבען שוין אַראָבגע-וואָרפען זייערע מאַסקעס.

איינער פון די גרעסטע ארטיסטען, וועלכער שפּיעלט אָב א טראַגישע ראָלע אין דער לעצטער צייט און האט צוריקגעקעהרט דאס ראָד פון דער געשיכטע אויף עטליכע הונדערט יאהר', דעקלאַמירט אָפען, אז ער וויל בע-צווינגען די גאנצע וועלט. האט ער טאַקע קודם כל איינגעפיהרט אלגע-מיינע מיליטער-דינסט, דאַן האט ער אין א שעהנעם העלען טאָג ארייינמאַר-שירט אין רהיין געביעט, ער בעוואָ-פענט זיך כסדר כדי אין דער גינסטי-גער צייט צו שלאָגען אלע מלוכות, און דאס אלעס טהוט מען אָהן א מאַסקע.

אמת, די ערשטע צייט האט ער נאָך געפּרובט צו שפּיעלען זיין ראָלע אָבי-סעל פערשטעלטערהייט, נאָר זעהענדיג, אז די מאַסקע שטערט איהם אויסצו-פיהרען זיינע פּלענער, האט ער זי אַראָבגעוואָרפען און פיהרט אויס זיין ראָלע מיט אַנ'אָפענעם פּרצוף.

און מערקווירדיג—די צושויער שטוי-נען טאַקי פון דער גרויסער חוצפה, אָבער זיי האבען דרך-ארץ פאַר זיין אָפענהערציגקייט.

זיין שפּיעל איז אפילו פאַר'ן טיי-וועל, אָבער די וועלט אָנערקענט פאַרט, אז ס'איז גלייכער צו שפּילען נישט פערשטעלטערהייט, אָהן א מאַסקע.

אויך דער צווייטער סטאַר—פון רוים, האט לעצטענס בנוגע אַביסיניען אָב-געשפּיעלט זיין ראָל אָהן א מאַסקע. לכתחילה, האט עס אַביסעל שאָקירט, די ענגלישע און פראַנצויזישע דזשענ-טעלמענער, וועלכע זענען געווען גע-וואוינט צו שפּיעלען אין גרים זייערע ראָלען, האבען געהאט פעראיבעל אויפ'ן רוימישען דיקטאַטאָר, יענער אָבער האט זיך גארנישט געמאכט דערפון און מיט דער גאנצער קאַלטבלוטיגקייט געשפּיעלט זיין ראָל ביז צום סוף, ביז אלע האבען געמוזט אנערקענען, אז ער איז א געניאַלער ארטיסט. צום סוף האבען זיי בעל כרחך געמוזט זאָ-גאָר פּאַטשען בראַוואָ און בעוואונדע-רען די געניאַליטעט פון זיין עקסעלענץ, דעם רוימישען קינסטלער.

אויך אין שפּאַניען קומט פאַר דאס שפּיעל אָהן מאַסקעס. לכתחילה האט גענעראל פראנקאָ געזאָגט, אַז ער מיינט כלומרשט נאָר די טובה פון שפּאַנישען פאָלק און ער וויל ראַטעווען די ציוויליזאַציע, וואס די רעפּובליק וויל פערניכטען; שפּעטער אָבער האט ער אויך אראָבגעוואָרפען די מאַסקע און מען האט דערזעהען, אַז אנשטאט פראנקאָ שטעהען גאָר דייטשען מיט איטאַליענער, וועלכע ווילען אָבלעקען א פּעט ביינדעל פון דער שפּאנישער ערד און דער גענעראל פראנקאָ איז נישט מעהר ווי א דעקאָראַציע.

יאָ, אויך אין שפּאַניען שפּיעלט מען יעצט די ראָלע אָפען, אָהן מאַסקעס.

אויך דאס טעאטער-שפּיעל א. נ. „משפּטים", וואס איז נישט לאַנג צוריק אָבגעשפּילט געוואָרען „פּאָ רוסקי", האט מען געפּראַוועט אָהן מאַסקעס. מען האט דאָרט געמאָכט דעם אָנשטעל מיט סטאַטיסטען, וועלכע האבען זיך פערשטעלט פאַר אַ געריכטס טריבונאַל, מיט אַ פּאָרזיצער, מיט אַ פּראָקוראָר, מיט פערטיידיגער — פאַקטיש אָבער איז דאס געווען אַנ'אָפען שפּיעל, אָהן מאַסקעס.

די ענגלישע אָדמיניסטראַטיוו-מאַכט אין ארץ ישראל שפּיעלט אויס איהר ראָל לגבי די יודען אפשר יאָ נאָך אין אַ מאַסקע, אָבער זי איז אַזוי דורכזיכ-טיג, אַז מען זעהט קלאָר ארויס דאס אמת'ע פּנים.

די בני-ישמעאל האבען בפירוש אָנגע-זאָגט, אַז אַזוי ווי די קעניגליכע קאָ-מיסיע וועט נאָר אָוועקפאָהרען, וועלען זיי ווייטער אויספיהרען טעראָר-אַקטען און פּוגדעסטוועגען האט די בריטישע אדמיניסטראציע אין ארץ ישראל די דאַזיגע דראָהונג גאָרנישט געהערט.

די גרויסע קינסטלערין אויפ'ן שחיטה-געביעט אין אונזער פּוילישען פּאַרלאָ-מענט האט, בעת זי האט אָנגעהויבען צו שפּילען איהר ראָל, ווי עס איז גע-טראָגען אַ מאַסקע, וואס האט זיך גע-רופען „הומאַניטאַר". שפּעטער אָבער, ווען זי האט געזעהן, דאס מען קען שוין איהרע אמת'ע כונות, האט זי די מאַסקע אַראָבגעוואָרפען און איהרע איצטיגע אויפטריטען קומען שוין פאַר אָהן אַ מאַסקע, מיט אַנ'אָפענעם פּנים, מיט רשעות און אכזריות.

דאָס זעלבע איז מיט די אַנדערע אַרטיסטען, ווי בודזינסקי, באָקאָן און ווי זיי הייסען דאָרט, אויך זיי האָבען, כדי אָנצוקומען אַלס דעפּוטאַטען, גע-טראָגען אויף זייערע פּנימ'ער מאָסקעס, וועלכע האָבען אויסגעדריקט בלויז גוטסקייט, נאַאיווקייט און האָבען כסדר געשמייכלט צו די יודישע וועהלער. ווי-נאָר אָבער זיי זענען ארויס אויף דער סצענע, האָבען זיי אראָבגענומען די פאַלשע מאַסקעס און ס'האט זיך בעוויזען זייער אמת'ער פּרצוף, פיעל מיט סאַדיסטישע נידערטרעכטיגע גרי-מאַסען.

די בלום פון דער צוקונפט, אונזער שטודירענדע יוגענד, פיהרט שוין לאנג איהר ארבייט אָהן מאַסקעס. די סטו-דענטען שעמען זיך נישט צו בעווייזען זייער נאַקעטען פּרצוף, וואס איז אַזוי עקעלהאַפט, אז ס'איז מיאוס צו קוקען, זיי האלטען אָבער, אַז זיי זענען גע-רעכט. און גלויבט מיר, אַז מעגליך, דאס אין איצטיגען מאָמענט זענען אפשר אזעלכע פערזעהנישען, ווי עס זענען אונזערע אקאַדעמיקער, צוגע-פּאַסט צו דער איצטיגער וועלט.

אויך די „מענשענפריינדליכע" ציי-טונגען האבען פון זיך אַראָבגעוואָרפען די מאַסקעס און אַגיטירען אָפען אויס-ראָטונג פון מענשען נאר דערפאר, ווייל זיי זענען געבוירען געוואָרען ביי אַנ-דערע טאַטע מאַמע...

ווי איהר זעהט האָט מען זיך אַמאָל געשעמט צו בעווייזען די חיה אין איהר פולשטענדיגער נאַקעטקייט און כדי צו מאכען א גוטען איינדרוק האט מען אויף דעם העסליכען פּרצוף אַרויפ-געצויגען אַ מאַסקע פון גוטמוטיגקייט און אנשטענדיגקייט; לעצטענס אָבער, ווי מעהר די וועלט געהט פאָרווערטס, אַלץ מעהר ווארפט מען פון זיך אַראָב די מאַסקעס און מען טרעט אויף אין דער אמת'ער ברוטאַלער ווירקליכקייט.

וואָס דאַרפט איהר מעהר, אפילו אין אונזער יודיש וועלטיל האט מען זיך שוין אויך אויסגעלערנט די חכמה, און אויך אונזערע יודעלעך הויבען אָן שפּיעלען זייערע ראָלען אָהן מאַסקעס.

ס'וואָלט געווען גענוג, אז איך זאָל אייך אָנווייזן אויף צוויי יודישע כלל-טהוער, וועלכע האבען ביז נישט לאַנג געשפּיעלט די ראָלען אלס אידעאליס-טען, אלס פאָרשטעהער פון נאַציאָנאַלע יודישע אָרגאַניזאַציעס מיט באמת הויכע אידעאַלען און הייליגע ציעלען, און אַט די צוויי אַקטיאָרען האבען געטראָגען קינסטליכע מאַסקעס, אז מען האט בשום אופן נישט געקאָנט זעהען זייערע אמת'ע פּרצופים, וואס זענען געווען העסליך פערקרומט און אויף וועלכע ס'איז אויסגעקריצט: קאַר-יערע, כבוד, געלד, אמביציע א.ד.גל. לעצטענס איז אָבער געשעהען א מכשול און מען האט זיי די מאַסקעס אַראָב-געריסען און איצט ווייסען שוין אלע, אז צוליב זייערע אייגענע אינטערעסען פערשוועכען זיי דעם יודישען כבוד און טרעטען מיט די פיס אַלעס, וואס איז ביי אונז הייליג און טייער.

אזוי איז עס, עס איז היינט א וועלט, וואו מען דאַרף זיך שוין נישט פערשטעלען; פערקעהרט, וואס מעהר עמיצער איז ברוטאַל, געמיין, אלץ מעהר ערפאָלג האט ער אין לעבען פון אונזער צייט.

דעריבער זאגען מיר צו די אלע, וועלכע שפּיעלען נאָך זייערע ראָלען פערשטעלטערהייט. גענוג, אַראָב מיט די מאַסקעס! זאָל מען זעהן מיט וועמען מיר האבען צו טהון!

עס איז א דערגרייכונג פון 20-טען יאהר הונדערט דאס, וואס מען דאַרף זיך שוין נישט בענוצען מיט קיין שמינקע, פאַלשע שמייכלען, הויכע פראַזען, מענשען-ליבע אד"גל. עס איז היינט א רעאלע וועלט און מען דאַרף רעדען אזוי ווי מען טראַכט. און צו די אלע, וועלכע ווילען נאָך אָנהאַל-טען די אלטע מנהגים פון כלומר'שטע דזשענטעלמענישקייט, זאגען מיר: אַראָב מיט די מאַסקעס!...

סמאל

ווילנא—ירושלים דליטא

(פון א בעזוך)

I.

אנשטאט א הקדמה

הבכער 25 יאהר, ווי איך ח'לום צו זעהען ווילנא-ירושלים דליטא, דאס הארץ און דער מח פון דער יודישער קולטור. דא ביי אונז לעבט מען דאך אין א סביבה פון וועגעטאציע, פון זעלבסט-פערלייקענונג, פון פחדנישער אסימילאציע, און נישט בלויז דאס יו-דישע קליינבירגערטום, נאר אפילו די פראלעטאריש׳ע טהוער, ס'זאל זיי צו קיין גנאי נישט זיין, האבען זיך דא ביי אונז אויך אנגעשטעקט מיט שטענ-דריקיזם און זינדיגען אפט דערמיט אונטער.

מיין שטרעבען צו זעהן ווילנא איז אבער צוליב געוויסע בעדינגונגען גע-בליבען טאקי נישט מעהר, ווי א חלום, ביז ענדליך כ'האב א דאנק דעם זשור-נאליסטען-סינדיקאט בעקומען די מעג-ליכקייט און דאס טאקי אויסגענוצט; און אנשטאט צו פאהרען בעוואונדערען די נייע שטערט פון פוילען, ווי גדיניא א. אנד. בין איך בעסער געפאהרען קיין ווילנא.

מיינע קאלעגען האבען אפילו מיר געראטען צו פאהרען קיין ווילנא ערשט אין זומער, ווען די וועלט איז אפען און דער טוריסט קאן שעפען איינדרו-קען מיט פולע עמער'ס, אבער איך האב נישט געקאנט ביי זיך פועל'ן אבצולייגען די רייזע ערשט אויף זו-מער, אינדערצייט ווען איך קאן עס מאכען שוין.

כ'בין געוועזן, געזעהען, בעוואונ-דערט און איך זאג דאס אפען, אז מיין זיין אין ווילנא וועט לאנג פער-נעהמען דעם אויבען-אן אין זכרון. ס'האט זיך ביי מיר איינגעפרעגט דער געדאנק, אז נישט קוקענדיג דערויף, וואס פון אלע זייטען בעמיהט מען זיך אונז צו דערנידריגען, צו בעשפייען אונזער טויזענד-יעהריגעס שאפען, אז אויב מיר פערמאגען דעם גייסטיגען אוצר, וואס געפינט זיך אין ווילנא, סיי אין יוו"א סיי אין דער סטראשין-ביבליא-טעק אד"גל, זענען מיר שטארק, זענען מיר ווי די גרעסטע וועלט-ריזען, וואס קיין שום מאכט איז זיי נישט אימ-שטאנד בייצוקומען.

דורך דער קורצער צייט פון מיין ווייל'ען אין ווילנא האב איך זיך אנ-געזאפט מיט א שלל איינדרוקען, מיט וועלכע איך וויל, אויף וויפיל ס'איז מעגליך, זיך טיילען מיט מיינע לעזער.

אין וואגאן

ערשט נישט לאנג האט מען אין פוילישען פארלאמענט גערעדט, אז עטליכע אכציג פראצענט פאסאזשירען אויף די באהנען פאהרען אדער מיט הנחות אדער איננאנצען אומזיסט. אז דאס שטימט מיט דער ווירקליכקייט, האב איך זיך איצט איבערצייגט בעת מיין רייזע, כמעט אלע פאסאזשירען האבען הנחה בילעטען און די איבריגע וויזען נאר די לעגיטימאציעס און בשור. זעלטען ווער עס וויזט א גע-קויפטען נארמאלען בילעט ביי דער באהן קאסע; ווער שמועסט אין דער צווייטער קלאס פאהרען כמעט בלויז „גאפעניקעס".

מיר איז געווען אומעטיג צו זיצען אין דער קופע פון דער צווייטער קלאס איך בין אריין אין דער דריטער קלאס, וואו כ'האב געטראפען א פאר יודען, וועלכע האבען עוסק געווען אין שאך אדער אין קארטען, בכלל אבער איז אין דער גאנצער באהן געווען זעהר ווענינג פאסאזשירען, וואס בעווייזט, אז די געשעפטען רייסען נישט איין...

מיט דערזעלבער באהן איז אויך געפאהרען א יונגע פרוי, וועלכע האט זיך צוריקגעקעהרט פון וויען, וואו זי האט פראקטיצירט אין איינעם פון די קליניקעס אין א וויענער שפיטאל. ווען מיר האבען זיך מיט איהר פו-נאנדערגעשמועסט, האט זי דערצעהלט וועהר נישט קיין פרעהליכע נייעסען פון דער עסטרייכישער הויפט-שטאדט. זי אליין איז פון ריגא, וואוהין זי פאהרט איצט אהיים דורך פוילען און דאס וואס זי האט נאך 8 הדשים צייט געמוזט פערלאזען דעם קליניק, איז א רעזולטאט פון דער נאצי-פאליטיק, וואס רייסט זיך אריין אלץ ברוטאלער אין גאנצען לעבען פון דער הויפט-שטאדט פון דער עסטרייכישער רע-פובליק.

די יודען אין עסטרייך, איבערהויפט אין וויען, קוקען מיט פחד אין דער צוקונפט, אז ס'זאל זיך ביי זיי אויך נישט איינוואורצלען דער נאצי-פראג-ראם מיט אלע זיינע קאנסעקווענצען, ווי דאס ווערט פראקטיצירט אין שכנות'-דיגען לאנד.

די ארומיגע יודישע פאסאזשירען האבען, דערהערענדיג די שילדערונג פון ריגער דאקטאר וועגען דער לאגע אין עסטרייך, אראבגעלאזט די קעפ. און אין דרויסען האט געיאגט א קאל-טער גאסער רעגען...

פעסימיסטימע שטימונגען

אויפ'ן וועג נאך ווילנא, האב איך פערבראכט עטליכע שעה אין ווארשא, וואו כ'האב געשמועסט מיט רעדאק-ציע-מיטגלידער, ליטעראטען, פאליטי-קער און כלל-טהוער און אלע האבען גערעדט זעהר פעסימיסטיש וועגען אונזער צוקונפט.

אויף די גאסען שטעהען צייטונגס-פערקויפער און שרייען אויס אויף פוי-ליש: קויפט א אנטי יודישע צייטונג פאר 10 גראשען. דעם נאמען פון דער צייטונג דערמאנען זיי נישט, ווארום וואס איז דער חילוק, ווי אזוי די צייטונג הייסט. היינט קאן מען דעם קונה צוציהען, ווען מען דער-לאנגט איהם אקטועלע טעמעס, און וואס קאן נאך זיין אזוי אקטועל, ווי יודען-העצעריי".

וואס דארפט איהר מעהר, אפילו אין דער יודישער רעוויע, אין „נא-וואשטשי", האט דער נומער „גלח טשעפאק", אויסגעפיהרט דורך שומא-כער, געהאט דעם גרעסטען ביישאל.

די הויפט-שטאדט פון פוילען, איז לעצטענס א דאנק דער העצע, וואס ווערט געפיהרט דורך די היינטיגע פאלקס-פערטרעטער, געווארען פאר אונז נישט זעהר סימפאטיש און ווארשאווער יודען זענען זעהר פעסימיס-טיש געשטימט.

ווילנא

נאך 7 און א האלבע שעה שלעפען זיך פון ווארשא מיט'ן נעכט-צוג, בין איך פריה-מארגען אנגעקומען אין דער עיר הבירה—ווילנא.

ווילנא פערמאגט א בעפעלקערונג פון צוויי הונדערט טויזענד נפשות, צווישען וועלכע אחינו בני ישראל צעהלען אנ'ערך 65 טויזענד נפשות. דאן זענען אויך פערהאנען א סך ליט-ווינער, ווייס-רוסען און רוסען..

ווילנא, דאס אלטע יודישע ווילנא האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהרע גרויסע מענשען, וועלכע האבען גע-שאפען דעם ספעציפישען קאלאריט פון ווילנא און איהר געמאכט בעריהמט אין דער וועלט אלס ירושלים דליטא.

די יודישע געטא

א גרויסען אינטערעס שטעלט פאר פאר'ן טוריסט דאס אייגענארטיגע יו-דישע ווילנא, דאס ווילנער יודישע גע-טא (עקז. פון יאהר 1572), מיט איהר וועלט-בעריהמטען שוהל-הויף (אויך פון יענער צייט). דער ווילנער שוהל הויף איז א מין מאדערנער מוזעאום פון אלטער יודישער קולטור.

ווילנא אימפאנירט מיט די הונדערט-יאהריגע דיקע מויערען פון דער אל-טער שטאדט-שוהל, מיט די הונדער-טער קלויזען, קלייזלעך און חברות פון פערשידענע בראנזשעס (יעדערע בראנזשע האט זיך איהר שוהלעכעל, מיט די אלטע שמאלע דורכהויפען, לאבירינטען און ארקעס פון די אמא-ליגע געטא-טויערען. הערליך איז דער פראנט מיט דער געשניצטער גאלעריע אויפ'ן דאך פון שטאדט-שוהל.

די גרויסע שטאדט-שוהל, וועלכע שטעהט שוין העכער 4 הונדערט יאהר, זעהט פון דרויסען אויס אזוי ווי א געוועהנליכע געביידע. דאס ערקלערט זיך דערמיט, וואס דאמאלס בעת דער פוילישער קעניג האט געגעבען די ערלויבניש צו בויען די שוהל געגען דעם ווילען פון די דאמיניקאנער, הא-בען די יודען נישט געוואלט, אז די שוהל זאל זיך צופיעל ווארפען אין די אויגען, האבען זיי זי געבויט ווי א געוועהנליך הויז, דערפאר אבער הא-בען זיי זי אינעווייניג אויסגעפוצט פרעכטיג און איבערהויפט מאכט זי אינעווייניג דעם איינדרוק, ווי א פעס-טונג.

דער אריינגאנג אין דער שוהל פיהרט אויף טרעפען, וואס לאזען זיך אראב אין דער נידער אויף עטליכע מעטער. דאס האט אויך געזאלט זיין צוליעב דעם, וואס דער קייזערליכער בעפעהל איז געווען, אז די שוהל טאר נישט זיין העכער פון דער קירכע, האבען די יודען זי געבויט טיעף, כדי מען זאל אויסערליך נישט בעמערקען איהר רחבות, ביים איינגאנג איז פארהאן אנ'אייזערנע טהיר, וואס ס'האבען גע-שענקט די חייטים אין ווילנא. 4 מאר-מארענע זיילען האלטען אונטער דעם דאך פון דער שוהל. אייזערנע טרעפ פיהרען צו צום ארון קודש. אויך צום בעלעמער מוז מען ארויפגעהן דורך טרעפען אין דער שולחן איז פון א מאמארענעם שטיין.

אויפ'ן ארט, וואו ס'איז געזעסן דער לעצטער ווילנער רב שטעהט א שטיין, כדי קיינער זאל זיך נישט קא-נען מצהר אויף דעם ארט זעצען. ווי די תושבי ווילנא ערקלערען איז דאס צוליב פאלגענדען: דער לעצטער וויל-נער רב האט געהייסען ר' שמואל, איז אמאל ארויסגעקומען א מחלוקה, וואס האט פערשאפט בייז בלוט. נאך דער פטירה פון רב, האט קהל געמאכט אנ'איסור מעהר גישט אויפצונעמען קיין שטאדט רב און כדי דאס צו בע-שטעטיגען, האט מען אויפ'ן ארט, וואו ס'איז געזעסן דער רב, אוועקגע-שטעלט דעם שטיין, ביז'ן היינטיגען טאג פערמאגט נישט ווילנא קיין רב, נאר א ראבינאט, און דעם לעצטען רב רופט מען טאקי ר' שמואל האחרון.

ש. פראנק

די אקציע פון „ישיבת חכמי לובלין" צווישען די יודישע פרויען.

אריגינאלימעט דאס איז דער ספע-ציפישער וועג פון ישיבת חכמי לובלין. יח"ל מאכט קיינמאל נישט נאך אנדע-רע און זי בענוצט זיך נישט מיט יע-נעמס מיטלען און מעטאדען. אין איהר גייסטיגע וועלט, אין איהר אינערליך לעבען, וויסט נישט יח"ל פון קיין שום פשרות, דארט פעטראגט זי נישט קיין עקספערימענטען שטרענג און קאנ-סעקווענט דערהאלט זיך יח"ל ביי איין וועג, ביים וועג פון מסורת אבות, ביים ברעג וואו די יודישע שיף איז געווען פעראנקערט איבער אלע דורות פון בלוט און פייער. אין די מויערען פון יח"ל, בעשיצען זיך ביים היינטיגען טאג. צירקא דריי הונדערט תלמידים, א גרויסע טייל פון זיי זענען וויכטיגע בעלי כשרונות, וואגיגע אין תורה און יהדות, און דא האבען זיי די מעגליכ-קייט צו ענטוויקלען זייערע גייסטיגע כחות צו דער העכסטער מאס. דא טרע-פען זיי אן די אמת'ע סביבה פון תורה און יראה און זיי קאנען דא ווייטער שפינען די גאלדענע קייט פון דער יודישער מסורה.

גאנץ אנדערש איז יח"ל ביי איהר אויסערליכקייט, דא איז יח"ל רעוואָ-לוציאנערער. די נייעסטע מיטלען און די מאדערנסטע טעכניק שפאנט זי איין אין איהר דינסט. יעדעס שטיינדעל איז עסטעטיש, יעדער שנור סעמעטריש צו-געפאסט, זארגפעלטיג, אז עס זאל ארויסרופען בעוואונדערונג ביי אלע ארומיגע און וועקען כבוד און רעס-פעקט פאר דער הייליגער תורה. כבוד התורה איז דער דעוויז פון יח"ל.

* * *

לעצטענס האט יח"ל ארויסגעגעבען א ספעציעלע בראשור, א ווענדונג די-רעקט צו דער יודישער פרוי. די בראָ-שור איז זעהר שעהן און דעקאראטיוו ארויסגעגעבען און רעדט ארום די היס-טארישע בעדייטונג פון דער יודישער פרוי אין משך פון אלע צייטען און איהר מסיע ביים היינטיגען שווערען און גייסטלאזען דור. זי דערצעהלט די שאפונגס-ווערט פון ישיבת חכמי לובלין און דאס מסירת נפש פון דער לובלינער רביצין ע"ה פאר דער עק-זיסטענץ און שאפונג פון יח"ל וואס איז פאר דער אויסענוועלט זעהר ווע-ניג בעקאנט. צום סוף פון דער בראָ-שור אפעלירט די יח"ל לייטונג צו דער יודישער פרוי, אז זי זאל לייגען ספעצ-יעל אויפמערקזאמקייט אויף דער קופסת יח"ל און זי זארגפעלטיג אבהי-טען ווייל די פושקע איז די איינציגע סטאבילע הכנסה פאר דער ישיבה, און ווי עס ווערט געזאגט אין ספעציעל צוגעדרוקטען בריעף, איז נאר אין אויסברייטערען די פושקעס נעץ עס זאל ארומנעמען אלע יודישע הייזער אבי-העננינג די צוקונפט פון יח"ל.

מיט א ספעציעלע ווענדונג קומט יעצט די לייטונג פון יח"ל צו דער יודישער פרוי, אז די פרוי זאל מיט איהרע שפענדונגען און אקטיווע זאמ-לונגען אויפברענגען די סומע, וואס איז נויטיג אויסצופערטיגען נייע הונ-דערט טויזענד יח"ל-פושקעס!!!

אין בריעף לייענען מיר:

היינט צו טאג זענען נאך דא ליי-דער זעהר פיעל שטיבען, וואו די יח"ל פושקע געפונט זיך נישט אין איהר. אבער מיר קאנען מיט פרייד פעסטשטעלען, אז עס איז נישט זייער שולד נאר די מניעה איז פון אונזער זייט. אהן א שיעור ווענדונגען האבען מיר בעקומען פון ישיבה-פריינד, זיי צוצוטיילען א פושקע אבער מיר זענען עס נישט בכח געווען צו טהון. מיר האבען נישט קיין פושקעס! לעצטענס האבען מיר מיט גרויסע אנשטרענגונ-גען, צוליב'ן גרויסען פרייז פון דער אויסארבייטונג אויסגעפערטיגט 15.000 פושקעס, וועלכע זענען פערטיילט גע-ווארען אין א גאנץ קורצער צייט, אבער וואסער גישטיגע צאהל איז עס לגבי די גרויסע צאהל פריינד, וועלכע ווארטען אויף זיי?

בכדי דאס אויסצובעסערען פראקלא-מירען מיר ספעציעל צווישען דער יו-דישער פרוי א גרויסע אקציע אויסצו-פערטיגען נייע הונדערט טויזענד פוש-קעס און מיר רופען צו אלע, וועלכע יח"ל און תורה איז זיי טייער, צושטיי-ער צו געבען זייער מתנה און אויך ווירקען אויף אנדערע זיך צו בעטיי-ליגען אין אט דער אקציע.

גלייכצייטיג פערבינדען מיט דער אקציע א אידעאלען ענין, וועלכעס וועט געוויס ארויסרופען בעגייסטערונג צווישען אלע יודישע פרויען. אט די פושקעס וועלען געשפענדעט ווערען אויפ'ן נאמען פון דער לובלינער רביצין ע"ה, הרבנית מלכה טאבע בת הר' דוד יעקב שפירא, און אויף יעדער פושקע וועט ווערען אויסגעקריצט, אז זי איז אויסגעפערטיגט געווארען דורך דער יודישער פרוי אויפ'ן נאמען פון דער לובלינער רביצין ע"ה. אט דאס וועט זיין דער גראנדיעזער מאנומענט, וואס די יודישע פרויען-וועלט וועט שטעלען איינע פון די אידעאלסטע שוועסטער, וואס האט איהר לעבען מקריב געווען אויפ'ן מזבח התורה. און אויב דער דענקמאל פאר'ן לובלינער רב ז"ל זענען די מויערען פון דער ישיבה, וועלען די יח"ל פושקעס, וועל-כע ערמעגליכען איהר קיום זיין דער דענקמאל פאר דער לובלינער רביצין

וואס געהערט, וואס געזעהן.

זיי מעגען טאקי יא, מיר אבער טארען נישט...

הערט א מעשה: די יודען אין פוי-לען זענען געווארען אזעלכע חשובים, אז מען איז אויף זיי מדקדק כחוט השערה, וואו מען גיט זיך נאר א ריהר, ווערט עס גלייך איבערגעכאפט און צוטראגען אויף טעלערלעך. מען בעשרייבט עס מיט אלע פרטים און און אויב דער שרייבער האט פאנטא-זיע, איז ער גאך מוסיף משלו, שרייבט ער וואס ס'פעלט איהם נאר איין.

ס'פערשטעהט זיך, אז דאס טהוען מעהרסטענס די אנטיסעמיטישע צייטונגען, וועלכע האבען א דאנק אונז יודען וואס צו טהון (און מאכען דערביי אויך די ממבע). יעדען טריט וואס א יודישער יחיד אדער רבים טהוט, ווערט געזעהען דורך א פערגרעסער-גלאז און מען גיט דערצו פירושים, ווי ס'לוינט פאר זיי.

און נישט בלויז די צייטונגען, נאר אלע, כמעט גאנץ פוילען, לאזט נישט ארויס דעם יודען פון מויל, מיט איינ-מאל איז דער יוד פון פוילען געווא-רען אזוי השוב. וואס דארפט איהר מעהר, אז אפילו אין פראגראם פון דער נייער פארטיי, וואס פאלקאווניק קאץ האט געשאפען, געפינט זיך אויך אין פונקט 9 א ספעציעלער מאמר וועגען יודען.

א סך ענדעקישע צייטונגען פולען אן זייערע שפאלטען נאר מיט יודישען מאטעריאל. אויך אונזער „גאניעץ" נוצט אויס עטליכע מאל אין דער וואך, כדי צו בעהאנדלען דעם יודען-פראב-לעם. עס מאכט נישט אויס, צו די פאקטען, וואס זיי שרייבען שטימען מיט דער ווירקליכקייט צי נישט, אבי מען קאן געבען א ביל אויף יודען. און דאס מאכען זיי אין פערשידענע וואריאנטען: אנ'ארטיקעל, און א פע-ליעטאן אדער אפילו אין א בריוו אין רעדאקציע אדגל.

לעצטענס איז דער „גאניעץ" ארויס מיט א רעוואלאציע. וואס איז געשע-הען? א שרעקליך אומגליק. א קריס-טליכער קצב האט פערקויפט א לע-דער א יודישען סוחר, האט דער קריסטליכער קאנקורענט אנגעשריבען א בריף אין „גאניעץ" וועגען דער מעשה-רע און גלייכצייטיג אויסגע'-מוסר'ט דעם קריסטליכען קצב און איהם זאגאר גערודעלט.

דערביי מוז בעמערקט ווערען, אז דער קריסטליכער קצב האט דאס נישט געטהון דערפאר, ווייל דער יודישער סוחר האט שעהנע אויגען, נאר ווייל ער בעקומט אויפ'ן לעדער מיט א 7—8 זלאטעס טייערער ווי עס צאהלט איהם דער קריסטליכער סוחר, וועל-כער, ווייל ביי דער געלעגענהייט אויס-נוצען די „אוושעם"-קאניונקטור.

ווי אזוי דער זעלבער קריסטליכער קצב וועט איצט האנדלען, נאכדעם ווי מען האט איהם אין „גאניעץ" געשטעלט צום שאנד-סלופ, איז נישט בעוואוסט. א פאקט איז אבער, אז אויב מ'האנ-דעלט מיט א יודען, זענען די אנטי-סעמיטען דערויף שטארק מדקדק.

איך דערצעהל דאס אקעגען דעם, וואס מיר האבען בעקומען אין רע-דאקציע אויך אזא ענליכען בריף, אבער נישט פון קריסטליכען, נאר פון א יו-דישען סוחר, וועלכער בעקלאגט זיך, אז א יודישער קצב פ. האט פערקויפט די פעל אנ'אנטיסעמיטישען סוחר, און דערביי שטעלט דער יודישער סוחר אזא נאאיווע פראגע: אויב א קריס-טליכער קצב פערקויפט א פעל א יו-דישען סוחר, ווערט זיין נאמען פער-עפענטליכט אין „גאניעץ", טא וואלט אפשר געווען א פלאן, אז מען זאל אזא יודישען קצב אויך שטעלען צום שאנד-סלופ?...

ענטפערען מיר ניין, זיי מעגען טא-קי יא מיר אבער טארען נישט...

ער האט פערניכטעט דעם יודישען סטראגאן...

מען האלט טאקי אין איין פרעזיגען, אז פיהרען א קאמף מיט דעם יודישען סטראגאן „אוושעם". אבער אנווענדען פיזישע קראפט געגען יודען—דאס נישט.

מילא, טרעפען זיך טאקי אזעלכע, וועלכע זענען מקיים דעם דין פון שולחן ערוך מיט אלע פיטשעווקעס, ד. ה. זיי קעמפען נאר געגען סטראגאן.

געהט זיך יענע וואך א יודעל מיט'ן „סטראגאן" איבער די הויפען און שרייט אויס זיין סחורה: „יודען, קויפט ציצית, בילינ ציצית". היות אבער ווי קיין סך קונים האט ער נישט געהאט און מיעד איז ער שוין געווען פון א גאנצען טאג ארומלויפען, האט ער זיך אוועקגעזעצט אביסעל אברוהען. אינ-דעם געהט אדורך א קריסטליכער קיי-לער און קוקט זיך צו, ווי דער יוד זיצט זיך ברייט ביים „סטראגאן", האט איהם אזש אנגעכאפט ביים הארצען. געוואלד! — טראכט ער זיך—8 מיליאן פויערים הונגערען אין די דערפער און אנשטאט א פויער זאל האנדלען מיט ציצית, פערנעהמט זיך גאר דערמיט א יודעל. האט ער דעריבער פאר גרויס

ע"ה!

גרויס איז דער חלק פון דער יודישער פרוי אין בנין פון ישיבת חכמי לובלין. די פרוי האט ביי אלע אקציעס פון ישיבת חכמי לובלין גענומען א חשובען אנטייל. אין די טאוולען, וואס הענגען אין די קארידארען און אויף די טהירען פון די תלמידים-צימערען, געפונט זיך א גרויסע צאהל נעמען פון פרויען, וואס האבען מיט זייערע נדבות פון גרעסערע סכומים לטובת דער ישיבה, געקויפט זיך צימערען און אנדערע זכיות. די גרויסע שפענדונג פון 5.000 דאלאר, וועלכע דער לובלינער רב זצ"ל האט גענומען אין אמעריקא, איז געווען א נדבה פון א פרוי מרת מיללער, וועלכע האט טאקע זוכה געווען, דאס דער גרויסער צימער, וואו עס געפונט זיך דער בית המקדש מאדעל, זאל פערשריבען ווערען אויף איהר נאמען.

אזוי עקזיסטירען נאך פרויען-קאמיטעטען, וואס דער לובלינער רב זצ"ל האט געשאפען אויף זיין טורנעע און וועלכע זענען נאך טעטיג ביז'ן היינטיגען טאג. צו די אקטיווסטע געהער די לייד'יס אקזילערי (פרויען קאמיטעט) אין שיקאגא, וועלכע פיהרט אן מיט א פרוכטבארע טעטיגקייט לטובת דער ישיבה. אויך דער ערשטער לעגאט (קרן קימת) אויסצוהאלטען אייביג א תלמיד פון דער ישיבה איז געשאנקען געווארען דורך א פרוי פון ווארשא, מרת רבקה גאלדשטיין, אזוי זענען זעהר א סך פון די הונדערטער בעשטייערונגען, וואס די יודישע פרויענוועלט האט געגעבען פאר ישיבת חכמי לובלין, וועלכע טרעפען אן גרויסע סומען און מיט וועמענס הילף עס זענען געבויט געווארען די חשוב'סטע טיילען פון דער ישיבה.

שטיצענדיג זיך אויף דער ברייטער הילף וואס די יודישע פרוי טראגט פאר ישיבת חכמי לובלין איז זעלבסטפערשטענדליך בעגרינדעט די האפנונג וואס יח"ל פערבינדט מיט אט דער אקציע צווישען די יודישע פרויען. דאס מאל פאדערט די תורה ביי זיי נישט בלויז פאסיווע שטיצע מיטהילף נאר אקטיוויטעט. אקטיווע הילף צו ברענגען אויפ'ן מזבח פון יח"ל. און צום ערשטען מאל איז היינט דער טאג וואס די פרוי האט די מעגליכקייט דאס צו בעווייזען.

און אויך מיר גלויבען, אז די פרוי וועט זיין א מוסטער פון פיאנערישע אקטיווע ארבייט פאר יח"ל און אין איצטיגען מאמענט וועט זי ארויסווייזען איהר קראפט מיט אויפברענגען הונדערט טויזענד פישקעס אויפ'ן נאמען פון דער לובלינער רבי'צין ע"ה און דערפיהרען די אקציע צום ערפאלג.

און ווידעראמאל וועט דערוויזען ווערען די איבערגעגעבענהייט פון דער יודישער פרוי צו דער תורה און צום יודישען קיום.

די רעכטליכע לאגע פון דער יודישער מלאכה אין פוילען און אונזערע אויפגאבען אין יאהר 1937.

אין איצטיגען מאמענט איז נאך נישט מעגליך צו ברענגען גאנץ גענויע ציפערען וועגען די רעזולטאטען פון דער אקציע, וואס איז געפיהרט געווארען אין די לעצטע חדשים פון יאהר 1936, כדי צו לעגאליזירען די בעשעפטיגטע יודישע לערן-יונגלעך און פערגרעסערען די צאהל יודישע האנדווערקער, וואס זאלען זיין בערעכטיגט שטענדיג אנצונעמען און שליסען אבמאכען מיט לערן-יונגלעך.

אבער פון די בעריכטען, וואס הויבען שוין אן אנצוקומען צום קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה, איז צו זעהען, אז כמעט אומעטום, אין דער גאנצער פוילישער פראווינץ, איז די דאזיגע אקציע געפיהרט געווארען מיט ערפאלג. אזוי, למשל, גיט אן באראנאוויטש 109 רעגיסטרירטע אבמאכען, בענדין — 73, טשענסטאכאוו — 170, פשיטיק — 60, פיאטרקאוו — 87, זוואלין — 73, קשעמיעניעץ — 44, כעלם — 45, קאליש 48, ראדאמסק — 54 א. א. וו. מען מוז אבער פעסטשטעלען, אז צוליעב פערשידענע סיבות האבען דאך פיעל לערן-יונגלעך, האנדווערקער און עלטערען פון די לערן-יונגלעך זיך נישט אבגעגעבען קיין דין וחשבון וועגען דער גרויסער בעדייטונג פון אויסנוצען די הנחה, וואס איז געגעבען געווארען אלעמען ביז'ן 31 טען דעצעמבער ב. י. צו רעגיסטרירען די לערן-אבמאכען.

דאס אינדוסטריע-געזעץ פון יאהר 1927 זעהט פאר, אז א יוגענטליכער אין עלטער פון 15 יאהר, וואס לערנט זיך א פאך, איז מחויב, אין דער צייט פון זיין 3-יעהריגען לערן-טערמין צו בעזוכען גלייכצייטיג א פאך-דערגענצונגס-שולע, אויב אזא שולע געפונט זיך אין שטאדט, דאס זעלבע געזעץ לעגט אויך ארויף א חוב אויף די מייסטערס צו בעפרייען דעם לערן-יונגעל אין די אווענד-שעה'ן, כדי ער זאל קענען בעזוכען די פאך-דערגענצונגס-שולע. פאר נישט צופאסען זיך צו די דאזיגע פארשריפטען פון געזעץ דראהט דעם מייסטער א שטראף און דער יוגענדליכער ווערט נישט צוגעלאזט צום געזעלען-עקזאמען אהן א צייגניש פון ענדיגען אזא שולע.

ביים היינטיגען טאג געפינען מיר זיך אין דער לאגע, אז אפילו ביי א קוואליפיקאציע עקזאמען, וואס ווערט אנגעווענדעט ביי א „דיספענז" און צו וועלכען עס ווערען צוגעלאזען נישט יונגערע פון 25 יאהר — ווי אויך ביי די פערלייכטערטע געזעלען-עקזאמענס פאדערט מען פון די עקזאמינירטע, אויסער פראקטישע און טעארעטישע פאך קענטענישען (ווי למשל, צייכנען, אויף וויפיעל עס פאדערט זיך אין דעם געגעבענעם פאך, ידיעות וועגען רויה-מאטעריאלען, וואס מען בענוצט אין געגעבענעם פאך א. א. וו.) אויך א געוויסע אלגעמיינע בילדונג, וואס בעשטעהט אין קענען אנשרייבען אליין א לעבענס-בעשרייבונג, אנ'אפערטע, פאקטורען מיט פראצענט-אויסרעכנונג, א ביסעל געאגראפיע און פוילישע געשיכטע, ידיעות וועגען דער מלוכה-ארדנונג, מלוכה-ארגאנען א. א. וו.

די טענדענץ פון די איצטיגע טאנגעבער אין די האנדווערקער-קאמערען געהט אין דער ריכטונג איינגאנצען אבצושאפען דעם ארט. 146 און צילען צו דעם, אז האנדווערקער-קארטען זאל מען ארויסגעבען נאר אזעלכע, וואס האבען אדורכגעמאכט די לעהר און פראקטיק אין פאך, לויט'ן ארט. 145 פונ'ם אינדוסטריע געזעץ אדער אזעלכע, וואס בעזיצען דערווארבענע רעכט אדער מייסטער-דיפלאמען.

עס איז אינטערעסאנט אנצוווייזען אויף דעם, אז די גרעסטע צאהל פון די האנדווערקער קאמערען האט געפיהרט א קאמף געגען די הנחה-צירקולארען פון מיניסטעריום פאר האנדעל און אינדוסטריע, אמת, דער דאזיגער ווידערשטאנד געגען די הנחה-צירקולארען איז זיי נישט איינגאנצען געלונגען, אבער דאך האט דאס מיניסטעריום ארויסגעגעבען א צוגאב-צירקולאר צום צירקולאר נר. 27, אז דערווארבענע רעכט צו בעשעפטיגען לערן-יונגלעך האבען נאר די האנדווערקער, וואס וועלען בעווייזען, אז פאר'ן 16 טען דעצעמבער 1927 האבען זיי בעשעפטיגט יוגענדליכע אלס לערן-יונגלעך און נישט ווי פריהער, ווען דאס בעשעפטיגען קוואליפיצירטע ארבייטער האט אויך געגעבען דערווארבענע רעכט.

דערפון איז קלאר, אז די אלע, וואס פערנעמען זיך מיט האנדווערקעריי, ד. ה. זעלבסטשטענדיגע האנדווערקער, לערן-יונגלעך, געהילפען, נישט-דיפלאמירטע-געזעלען, מוזען זיך שטארק פערטראכטען וועגען זייער צוקונפט, מוזען זיך צופאסען צו די נייע בעדינגונגען און פאדערונגען פונ'ם אינדוסטריע-געזעץ.

איצט געפינען מיר זיך אין דער בעסערער לאגע, אז דאס פראבלעם פון דער יודישער מלאכה אין פוילען געפונט זיך שוין דאך אויף דער טאגעס-ארדנונג פון דער יודישער געזעלשאפט. אויך די אנפיהרערשאפט פון די האנדווערקער-פעראיינען און צעכען האט געענדערט די שטעלונג אין דער פראגע. מען דארף קאנסטאטירען, אז אין דער לעצטער אקציע, וואס איז געפיהרט געווארען דורכ'ן קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה, האט דער צענטראלער יודישער האנדווערקער-פערבאנד מיט זיינע אבטיילונגען און צעכען גענומען אנ'אקטיווען אנטייל, כדי צו בעוועגען די פעראינטערעסירטע אויסצונוצען די הנחות פון מיניסטעריום. עס זענען שוין אבגעשוואכט געווארען די עגאאיסטישע טענדענצען צווישען די האנדווערקער, וואס האבען געהערט מיט 4 יאהר צוריק, ווען מען האט זיך געלאזען איינרעדען, אז מיט דער הילף פון צעכען-געזעץ וועט מען פערבעסערען דעם עקאנאמישען מצב פון דער מלאכה אין פוילען.

דאס יאהר 1937 דארף אבער זיין א יאהר פון בעזונדער-אנגעשטרענגטער ארבייט אויפ'ן געביעט פון דער מלאכה און אט פארוואס:

אין די יאהרען 1934 און 1935 זענען ביי דער הילף פון געזעלשאפטליכע קאמיטעטען פאר די ענינים פון דער יודישער מלאכה לעגאליזירט געווארען כמעט אלע עקזיסטירענדע האנדווערקער-ווארשטאטען, מען האט בעוואויגען א געוויסע צאהל ארבייטער, זיי זאלען צוטרעטען צום געזעלען-עקזאמען און אראנק דעם איז שוין דא א געוויסער פראצענט יודישע דיפלאמירטע געזעלען. אין יאהר 1936 האט מען בעוואויגען א געוויסען פראצענט פון די לערן יונגלעך, וואס זענען בעשעפטיגט אין די האנדווערקער-ווארשטאטען, אז זיי זאלען גלייכצייטיג בעזוכען די פאך-דערגענצונגס שולען; אין די לעצטע חדשים פון יאהר 1936 האט מען בעוואויגען די בעל-מלאכות אין אלע שטעדט און שטעדטלעך צו שליסען אבמאכען מיט די לערן-יונגלעך און רעגיסטרירען זיי אין די האנדווערקער-קאמערען. א געוויסע צאהל האנדווערקער האט אויך אנגעגעבען ביטעס וועגען ארויסגעבען זיי צייגנישען, אז זיי בעזיצען דערווארבענע רעכט אויף צו קענען שטענדיג בעשעפטיגען לערן-יונגלעך און שליסען מיט זיי אבמאכען.

דער הנחה-צירקולאר נר. 27 וועגען בעווייזען דערווארבענע רעכט צו קענען בעשעפטיגען לערן-יונגלעך שטענדיג גיט נישט אן קיין לעצטען טערמין, דאגעגען דער צירקולאר נר. 28 גיט אן א טערמין ביז'ן 30 יוני 1937. דער דאזיגער צירקולאר איז נוגע אלע יוגענדליכע, אין עלטער פון 18 יאהר און; אט — די יוגענדליכע דארפען צוגעלאזט ווערען צום פערלייכטערטען געזעלען-עקזאמען, אויב זיי האבען געענדיגט דעם 3-יעהריגען טערמין אין פאך, אפילו, ווען זיי בעזיצען נישט דעם פאראויסגעזעהנעם לערן-אבמאך. מיר מוזען דערביי אויפמערקזאם מאכען, אז דער געזעלען דיפלאם איז דער איינציגער גילטיגער דאקומענט און דיענט אלס בעווייז, אז מען בעזיצט קוואליפיקאציעס. דער דיפלאם גיט אויך די מעגליכקייט אומגעשטערט צו פערנעמען זיך מיט'ן פאך, צוצוטרעטען, מיט 3 יאהר שפעטער, צום מייסטער-עקזאמען און אויך לעגאליזירען אנ'אייגענעם ווארשטאט, אויב מען האט בדעה אזא ווארשטאט צו פערלייגען.

מיר דארפען דעריבער בעוועגען די בעשעפטיגטע אין דער מלאכה, וואס זענען עלטער פון 18 יאהר, זיי זאלען זיך בעמיהען צוגעלאזט צו ווערען צום פערלייכטערטען געזעלען-עקזאמען. מיר דארפען זיי אויך געבען א מעגליכקייט צוצוגרייטען זיך צום דאזיגען עקזאמען.

די רעגיסטראציע פון די יוגענדליכע אין ווארשא און אויף דער פראווינץ האט בעוויזען, אז בלויז א גאנץ קליינער פראצענט האט געענדיגט א פאוושעכנע אדער א פאלקס-שול, עס זענען דא זעהר פיעל, וואס האבען בעזוכט נישט מעהר פון 2—3 אבטיילונגען פון אזא שולע. א גרויסער פראצענט האט געלערנט בלויז אין רעליגיעזע פריוואטע שולען, אהן רעכט: דאס איז גורם דערצו, אז א סך ווערען נישט אנגענומען צוליב דעם אין די פאך דערגענצונגס-שולען און אין די פאלען ווען מען לאזט זיי אפילו יא צו צום עקזאמען, פאלען זיי אדורך און בלייבען אויסער דער פאך-דערגענצונגס שולע.

ביז'ן 30-טען יוני 1937 איז געבליבען נישט קיין גאנצע 5 חדשים, אין פערלויף פון דעם דאזיגען קורצען טערמין דארפען צענדליגער טויזענדער יוגענדליכע ארבייטער אדורכפיהרען אלע פארמאליטעטען, כדי נישט צו פערשפעטיגען דעם טערמין.

וואס-זשע מוזען מיר שוין טהון, כדי צו זיכערען דעם ערפאלג פון דער פארשטעהענדער אקציע?

אלע קאמיטעטען, האנדווערקער-פעראיינען, צעכען און פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס דארפען שוין אנהויבען צו רעגיסטרירען און אויפפאדערען די ארבייטער, אין עלטער פון 18 יאהר, וואס האבען שוין געענדיגט דעם לערן-טערמין, אז זיי זאלען זיך בעזארגען מיט צייגנישען וועגען דער דורכגעמאכטער לעהר אין פאך. ספעציעל געדרוקטע פארמולארען קען מען בעקומען אין די האנדווערקער-קאמערען אדער אין די קאמיטעטען פאר די ענינים פון יודישער מלאכה. די דאזיגע פארמולארען דארפען בעשטעטיגט ווערען דורך דער גמינע-אמט, מאגיסטראט אדער צעך (אויב דער מייסטער, ביי וועמען מען איז געווען אויף דער לעהר, איז א מיטגליד אין צעך). די פעראינטערעסירטע דארפען אויך צוגרייטען זייערע מעטריקעס און צייגנישען פון דער בעזוכטער שולע.

כדי צוצוגרייטען די פעראינטערעסירטע צום געזעלען-עקזאמען, דארף מען גרינדען קורצטערמיניגע פאך-בילדונגס-קורסען. צו דער דאזיגער ארבייט דארף צוגעצויגען ווערען די אינטעליגענץ, ווי אויך אלע עקזיסטירענדע געזעלשאפטליכע איגסטיטוציעס אין שטאדט. אזעלכע קורסען לאזען זיך ארגאניזירען אין יעדען ארט, ווייל אין יעדער שטאדט קענען צו דעם צוועק אויסגענוצט ווערען די לעהרער פון די ארטיגע פאחשעכנע, מיטעלע און פריוואטע פאלקס-שולען.

וועגען פראגראם און אופן צו לעגאליזירען אזעלכע קורסען האט דער קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה צושיקט צו אלע קאמיטעטען און האנדווערקער-פעראיינען א ספעציעלע בראשור. וועגען ווייטערדיגע אינפארמאציעס קען מען זיך ווענדען דירעקט צו דער געז. „ארט", אין גאליציע — צו דער געז. „ווזעט", אדער דער פערמיטלונג פונ'ם פעראייניגטען קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה, ווארשא, קעניג אלבערט גאס נר. 8 וו. 7.

כדי צו פערגרעסערן די צאהל יודישע האנדווערקער, וואס זאלען אויך האבען אין דער צוקונפט רעכט צו שליסען אבמאכען מיט לערן-יונגלעך, דארף מען בעוועגען די אלע, וואס האבען זיך נאך נישט בעזארגט מיט לעגיטימאציעס אין די האנדווערקער-קאמערען, אז זיי זאלען נישט אבלייגען און בעזארגען זיך מיט אזעלכע.

גלייכצייטיג דארף מען אין יעדער שטאדט, וואו עס עקזיסטירט א פאך-דערגענצונגס-שולע, איינפיהרען אנ'עווידענץ פון די בעשעפטיגטע לערן-יונגלעך אין די ווארשטאטען, און זארגען דעריפאר, אז די אלע לערן-יונגלעך, וואס האבען זיך צוליב וועלכע עס איז סיבות נישט פערשריבען אין די דאזיגע שולען, זאלען צום נייעם שול-יאהר אנקומען אין דער פאך-דערגענצונגס-שולע, ווייל אנדערש וועלען זיי, נאכ'ן ענדיגען די לעהר אין פאך, נישט צוגעלאזט ווערען צו די געזעלען-עקזאמענס.

אט די אלע אויפגאבען זענען נישט קיין לייכטע און פאדערען א סך ארבייט, די ארבייט וועט אבער ברענגען די געוואונשענע רעזולטאטען, אויב עס וועט זיין דער יודישער געזעלשאפטליכער ווילען צו דערהויבען די יודישע מלאכה צו א העכערען פאכמענישען און קולטורעלען מצב און צו פערשטארקען רעכטליך איינע פון די פראדוקטיווסטע יודישע פאזיציעס אין פוילען, עס איז אנ'אקציע פאר צענדליגער טויזענדער יודישע יוגנעלייט פון דער גאנצער פוילישער פראווינץ.

קיינער טאר צו דער דאזיגער ארבייט נישט פעהלען. לאמירזשע מיט געמיינזאמע כוחות צוטרעטען צו דער דאזיגער וויכטיגער ארבייט און מיר וועלען אונזער ציעל דערגרייכען!

חנן האפמאן

כעס ארויסגעכאפט דעם יודישען „סוחר" דאס פעקיל ציצית און מיט א גרויס מעסער, וואס ער האט געהאלטען אין האנד צושניטען די ציצית אויף פיץ.

דער יוד האט געמאכט א געוואלד, מענשען זענען זיך צונויפגעלאפען, צווישען זיי אויך א פאליציאנט, וועלכער האט זאגאר געמאכט א פראטאקאל און דעם יודען האט ער גע'עצה'ט איינצוקלאגען דעם „פערזארגער" פון די פויערים.

דער פראצעס וועט זיין א זעהר טשעקאווער, דאס געריכט וועט זיך דארפען ארויסזאגען אין אזא פערוויקעלטען ענין, היות ער האט דעם יודען נישט געשלאגען, נאר חרוב-געמאכט די סחורה—צי קומט א שטראף פאר'ן פערניכטען א יודישען סטראגאן...

א קאמפלימענט פאר טשענסטאכאוו

דער בעוואוסטער דיכטער סעגאלאוויטש האט לעצטענס פערבראכט אין זאקאפאנע שרייבט ער פון דארט זיינע איינדרוקען און צווישען אנדערעס קריטיקירט ער די ווארשאווער און לאדזער, וועלכע טומלען, שרייען און ליארמען, דאגעגען ריהמט ער די יעניגע געסט פון א רייהע שטעדט, וועלכע פיהרען זיך אויף אין זאקאפאנע רוהיג, ארטיג, קולטורעל א.ז.וו.

צווישען די געסט, וועלכע פיהרען זיך אויף סטאטעטשנע, האט ער אויך צווישען אנדערע אויסגערעכענט טשענסטאכאווער, איז דאס פאר אונז א גרויסער קאמפלימענט, ווייסען מיר כאטש, אז אונזערע דאמעלעך און העררען, וועלכע פאהרען אוועק פערשעהמען אונז נישט און פערשאפען אונז גאר כבוד.

ווען כ'וואלט געווען אויפריכטיג, וואלט איך גראד פון דעם דאזיגען קאמפלימענט גאר נישט צופרידען געווען, ווייל נישט אלע מאל איז רוהיגקייט אזא גרויסע מעלה. אט וואלט איך געקאנט בעווייזען, אז צוליב דעם וואס אונזערע אמת'ע טשענסטאכאווער זענען צו ארענטליך, ליידען זיי, און יעדער אוואנטוריסט, וועלכער קומט פון דער פרעמד צו אונז, ווערט ביי אונז א גאנצער קנאקער און נוצט אויס אונזער איינגעבוירענע טשענסטאכאווער איידעלקייט לטובת זיינע געמיינע פריוואטע ברודיגע צוועקען.

אה, איך וואלט אייך וועגען דעם דאזיגען געקאנט דערצעהלען א סך פאקטען, נאר גארנישט, מיר זענען דאך צו דעליקאט. אט האבען מיר דאך שוין אפילו בעקומען אנ'אטעסטאט פון אזא גרויסען דיכטער ווי סעגאלאוויטש, וועלען מיר זיך ווייטער פיהרען אונזער ערליכען וועג און די שובראוועצעס, וועלכע יאווען זיך אויף אונזער ברוק וועלען שנעל פערשוואונדען ווערען, ווייל ביי אונז איז פאר זיי קיין פלאץ נישטא...

א דאנק אייך, ה' ז. סעגאלאוויטש, פאר'ן קאמפלימענט, וואס איהר האט געגעבען טשענסטאכאוו...

בראוואָ, טשענסטאכאווער דאקטוירים!

פון מקום, וואו עס שטאמט דער אבי אבות הטומאה — פויזען און פאמערן, געהט ארויס דאס רשעות להשמיד ולאבד.

אזוי האבען די פויזנער און פאמערנער ספארט-פעראיינען זיך געוואנדען צו די צענטראלע ספארט-פעראיינען, מען זאל אויסשליסען די יודישע ספארט-קלובען פון דער צענטראלע. דאן האבען ווידער די דאקטוירים - פעראיינען פון די פויזנער און פאמערנער געגענד צוגעשיקט צו אלע דאקטוירים-פעראיינען. מען זאל אויסשליסען די יודישע דאקטוירים פון די אלגעמיינע דאקטוירים-ארגאניזאציעס. און מסתמא האבען אויך אנדערע ארגאניזאציעס פון יענע געגענדען צוגעשיקט צו זייערע צענטראלעס וועגען איינפיהרען דעם ארישער-פאראגראף.

אויך צום היגען דאקטוירים-פעראיין איז אנגעקומען פון יענער חברה אזא פארשלאג וועגען איינפיהרען דעם ארישער-פאראגראף און צום שבח פון די היגע נישט-יודישע דאקטוירים מוז מען אנערקענען, אז זיי האבען דעם העסליכען אונפערשעמטען פראיעקט אבגעווארפען און דערמיט איז רעהאבילירט געווארען דער גוטער נאמען פון די היגע דאקטוירים.

טשענסטאכאווער דאקטוירים, בראוואָ!

לויתן

י. מ. בידערמאן.

דער טערקישער סאלדאט...

ווען א״י איז נאך געווען אונטער דער הערשאפט פון סולטאן, איז אין דעם קריסטליכען קדשי-קדשים, אין דער קירך אויפ׳ן קבר פון ישו אין ירושלים, געשטאנען א שטענדיגער פאסטען פון טערקישע סאלדאטען, אנגעטהון אין אריענטאלישע טארבושען, אנגעלאדען און געפאנצערט פון קאפ ביז פיס, מיט שטעקענס אין די הענד. נישט כדי צו פערלעצען די רעליגיעזע געפיהלען פון די קריסטען זענען זיי דארט געשטאנען. אדרבא, דער דאזיגער פאסטען איז געשטאנען אויף דער וואך פון דער הייליגקייט און כבוד פונ׳ם קבר. די קריסטען פון אלערליי סעקטען און כיתות, ווען זיי זענען עולה רגל געווען צום קדושה׳פולען קבר, האבען זיך געגענזייטיג בעשמוצט, געזידעלט און געשלאגען, געשלאגען ביז בלוט. און דאס אלץ איז געשעהען אויף דעם קבר פונ׳ם ערלעזער. דאן האט זיך אוועקגעשטעלט צווישען די קעמפענדע צדדים דער טערקישער סאלדאט און געמאכט ארדנונג מיט שטעקען און ביקס!

אין די ציוניסטישע קרייזען האט מען אויף די סקאנדאלען געקוקט מיט א געוויסען רחמנות געפיהל און צוגעשאקעלט טרויעריג מיט די קעפ. היתכן, דאס מאכען קריסטען אין דעם הייליגען לאנד און אויף זייער הייליגען קבר? זאל נאר אונז געגעבען ווערען די מעגליכקייט צו קומען אין לאנד? מיר וועלען בעווייזען דער גרויסער וועלט ווי אזוי עס פיהרט זיך א קולטור-פאלק אין דער אלטער און הייליגער היים. צווישען יוד און יוד וועט קיין טערקישער סאלדאט זיך נישט אוועקשטעלען.

אזוי האט מען אין יענע יאהרען געחלומ׳ט און גערעדט...

פאלשע נביאים!

* * *

פון דער ערשטער יודישער שטאדט אין דער נייער נאציאנאלער היים, פון תל-אביב, קומען ווידער אן ידיעות וועגען סכסוכים און קריגערייען צווישען די יודישע ארבייטער. מען בויט א הויז אין תל-אביב און יודישע בוי-ארבייטער שלאגען זיך ארום און אראבישע און ענגלישע פאליציסטען מאכען „שלום“ צווישען די קעמפענדע זייטען. מחנה געגען מחנה און דער דריטער צד מאכט ארדנונג. אלץ איז אין אלע פרטים ענהליך צו יענע סצענעס אויפ׳ן קבר פון קריסטוס. איין קאסטע, די סאציאליסטישע, קאן נישט טאלערירען די צווייטע, נישט-סאציאליסטישע און פערקעהרט, דער, וועלכער שטעלט נישט דעם טראפ אויפ׳ן אינטערעס פון קלאס, נאר שטרייכט אונטער דעם נאציאנאלען מאמענט, דער איז א בוגד, א פעררעטער און דארף נישט האבען קיין חלק אין אויפבוי פון לאנד.

דער קאמף צווישען די ארבייטער דויערט שוין שעהנע יאהרען. לעצטענס אבער איז די חרפה שוין הימעלשרייענד. די אראבער זענען אויפגעשטאנען צו פערטרייבען די יודען פון לאנד, מיט פייער און שווערד ווילען זיי פערטיליגען אונזער גרויסע אנשטרענגונג. די אראבישע מלכים און גרויסע לייט העלפען דעם א״י׳דיגען אראבערטום אין זיין אויסראטונגס קאמף חרוב צו מאכען אונזער נאציאנאלע היים. דער קאמף איז א פערביטערטער אויף טויט און לעבען. און אויף די פאדערשטע פאזיציעס שטעהט דער יודישער ארבייטער, וועלכער איז אין דער גרעסטער סכנה, ווארום דער הויפט אראבישער אנגריף געהט דאך געגען יודישער ארבייט. וואס טהוען אבער די יודישע ארבייטער, וואס האלטען אין איין האנד דעם רידעל און אין דער אנדערער די שווערד זיך צו פערטיידיגען געגען אנפאלען? זיי ציהען אראב דעם בליק פון שונא און דערבליקען זייערע קאנקורענטען, רייסען איבער די ארבייט, ווארפען אוועק די ווערקצייג און מיט דער כלי פון דער אנדערער האנד אטאקירען זיי זייערע ברידער.

דער פרעמדער סאלדאט מוז צווישען זיי שלום מאכען.

דער ספרדישער סאלדאט איז ווייטער דא און מיט שפיז און שווערד דערווייטערט ער פון זיך די שטרייקענדע קעמפער.

* * *

דער בירגערמייסטער פון דער ערשטער יודישער שטאדט, מאיר דיזענגאף, איז געשטארבען. אויף דער טאג-ארדנונג איז ארויפגעשווימען די פראגע פון א שטעל-פערטרעטער. חדשים לאנג האט מען דיסקוטירט און דעבאטירט, עס האט זיך אנגעהויבען א סקאנדאליזער שרייט נישט וועגען אידעאלאגיע און אידעען נאר וועגען קליינע אינטערעסען פון גרופען און פארטייען. די סאציאליסטישע סעקטע האט געקעמפט אייפערדיג געגען איהר געגנער פונקט ווי זי קעמפט געגען די נישט-סאציאליסטישע בוי-ארבייטער. מען האט בשום אופן נישט געקאנט וועהלען קיין בירגערמייסטער. א ענין, וואס ווערט אין א ליאדע אראבישער נעסט ערלעדיגט אין געצעהלטע מינוטען איז אין דער ערשטער יודישער שטאדט ארויסגעוואקסען צו א וועלט-פראבלעם. געשעהען איז דאס אין תל-אביב, אין דער שטאדט, וואס דארף מיט זיך סימבאליזירען און פארשטעלען א מוסטער פון צוריקאויפלעבענדען יודענטום.

פון די פענסטער פון שטאדט ראט זענען דערגאנגען אין גאס הייזעריגע שטימען פון טראגישע דיסקוטאנטען. אין דרויסען האבען ארבער פאגראמירט און אונטערגעצונדען יודיש האב און גוט׳ס, חרוב געמאכט וועגען און ישובים און אין יענעם זאל האט מען גארנישט נישט געהערט און גארנישט נישט געפיהלט, מען האט קאנטינואירט די פייערדיגע דעבאטען און די... פייערדיגע פעטש!

ס׳האט נישט גענומען קיין סוף. און ווידער איז ארויפגעשווימען די געשטאלט פון טערקישען סאלדאט, וואס האט געמאכט שלום צווישען די אייזעלע דיסקוטאנטען און האט מיט דעם שטעקען אין האנד פאציפיצירט די געזעלשאפט. היות די יודען האבען נישט געפינען קיין פאסענדע פערזאן אויף דעם אמט פון בירגערמייסטער, האט די רעגירונג נאמינירט א ראש-העיר אין דער ערשטער, פרייער יודישער שטאדט, תל-אביב...

* * *

פון דער בעקאנטער „פקודה נר. 60“ זענען די רעוויזיאניסטען אבגעשטעלט געווארען אין זייערע עליה-רעכט. די יודישע אגענץ האט פערמאכט די טויערען פון לאנד פאר א טייל פון יודישען פאלק. ס׳ווערען געגעבען סערטיפיקאטען די לינקע פוע״צ, וועלכע געהערען נישט צו דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ס׳ווערען געגעבען סערטיפיקאטען און בעין יפה און מיט א ברייטער האנד — דער „אגודה“, וועלכע געהער אויך נישט צו דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ס׳ווערען ערטיילט סערטיפיקאטען יודען, וואס האבען קיין שום געמיינזאמעס נישט מיט יודענטום און א פשיטא מיט ציוניזם. נאר דער רעוויזיאניסטישער יוגענד האט מען די דאזיגע רעכט צוגענומען.

זשאבאטינסקי איז נישט ארייגעלאזט געווארען קיין א״י אבצוגעבען זיינע ערקלערונגען פאר דער קעניגליכער קאמיסיע. מילא, דאס איז די קאמפעטענץ פון דער ענגלישער אדמיניסטראציע אין לאנד. אבער צונעמען דאס רעכט צו קומען אין לאנד א גאנצען שבט יודען, צי מיר זענען יא מסכים מיט זייער אידעאלאגיע און זייער טאקטיק צי נישט — דאס איז גזלה, בפירוש רויב!

איז געקומען צו פערדאמונגס ווערטע איבערפאלען אין ווארשאווער פאלעסטינא-אמט. איז געקומען צו איבערפאלען איבער דער יודישער אגענץ אין ירושלים.

און נאך אמאל האט דער טערקישער סאלדאט „שלום“ געמאכט און צוריקגעשטעלט די רוהע. אנשטאט זיין אריענטאלישע פעסקע טראגט ער היינט א קליין „קעפי“ אויפ׳ן ענגלישען קאפ, אדער א שווארצען הויכען הוט פון א אראבישען פאליציסט.

* * *

ווייל די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז נישט מעהר יענע מאראלישע קראפט וואס זאל אונטערווארפען אלע קליינליכע אינטערעסען פון פארטיי און גרופע, ווייל די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז נישט מעהר די טרעגערין פון גרויסען יודענשטאאט געדאנק, פון גרויסען יודישען פאטריאטיזם, וואס זענען בעצם פיעל פיעל שטארקער פון אלערליי געפיהלען פון מענש און פראקציע, ווייל די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז געווארען בעהערשט געווארען פון איין גרופע, וואס ווערט אלץ מעהר א אינטערעסען-געמיינשאפט און פערלירט אלץ מעהר איהר אידעאישע פיזיאנאמיע און וואס שטעהט פאר א געפאהר, אז איהר אפאראט זאל אויפפרעסען דעם מענשען, די מאשין זאל טויטען דעם גייסט און אידעע — דערייבער זענען מעגליך אזעלכע ערשיינונגען. פאר אלעם אין דער וועלט איז פערהאן ארט איז דער גרויסער ציוניסטישער בעוועגונג — נאר נישט פאר׳ן אויפריכטיגען מלכות-געדאנק. די פארטיי מאשין האט איהם אבגעגעבען א ארט אין א קליין, שמאל ווינקעלע.

דעריבער קומט אזוי אפט צו אונז צו גאסט דער טערקישער סאלדאט...

דער היגער דאקטוירים - פעראיין אבגעווארפען דעם פארשלאג וועגען איינפיהרען אנ׳אריער - פאראגראף.

מיט א קורצער צייט צוריק האבען די פויזנער און פאמערנער דאקטוירים-פעראיינען זיך געמאלדען צום היגען דאקטוירים-פעראיין מיט א פארשלאג אדורכצופיהרען דעם בעשלוס, אז אין די דאקטוירים-פעראיינען זאלען נישט אנגענומען ווערען קיין יודישע דאקטוירים.

דער דאזיגער פארשלאג איז קודם כל בעטראכט געווארען פערגאנגענע וואך אויף א זיצונג פון דער פערוואלטונג פונ׳ם היגען דאקטוירים-פעראיין, וואס איז פארגעקומען אונטער׳ן פארזיץ פון ד״ר מיקולסקי און אין רעזולטאט איז אויפ׳ן פארשלאג פון דר. בארקאווסקי אנגענומען געווארען אנ׳אנדערער אנטיסעמיטישער פארשלאג, וועלכער לויטעט, אז די דאקטוירים-פעראיינען דארפען שטרעבען צו דערפיהרען דערצו, אז אין פוילען זאלען זיין נאר 10 פראצענט יודישע דאקטוירים, אין פערהעלטניס צו דער צאהל יודען אין פוילען. אלע 6 אנוועזענדע קריסטליכע דאקטוירים האבען זיך ארויסגעזאגט איינשטימיג פאר׳ן דערמאנטען פארשלאג, וועלכער האט געדארפט געשטעלט ווערען אויף דער טאג ארדנונג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דאקטוירים - פעראיין. היות אבער דער איינציגער יודישער אנוועזענדער פערוואלטונגס מיטגליד — דר. גייסלער האט אריינגעטראגען א „וואטום סעפאראטום“, איז דער דאזיגער ענין נאכאמאל בעטראכט געווארען פרייטאג צו נאכטס דורך דער פערוואלטונג פון דאקטוירים-פעראיין, וועלכער האט צוריקגעצויגען דעם פריהערדיגען פארשלאג און בעשלאסען צו געבען די מיטגלידער פרייע הענד ביים בעהאנדלען דעם אריער-פאראגראף, וואס איז פארגעלעגט געווארען דורך די פויזנער און פאמערנער דאקטוירים.

צו דער אלגעמיינער יעהרליכער פערזאמלונג, וואס איז פארגעקומען דעמזעלבען פרייטאג צו-נאכטס, זענען געקומען דאס רוב יודישע דאקטוירים אין דער צאהל פון 46, בעת קריסטליכע דאקטוירים זענען געוועזען סך-הכל אנ׳ערך 30. געעפענט די פערזאמלונג האט דער פרעזעס דר. מיקולסקי און דעם פארזיץ האט געפיהרט דר. לאקטשעווסקי.

בעת׳ן בעהאנדלען דעם דערמאנטען פונקט וועגען אריער-פאראגראף, זענען מיט שארפע רעדעס ארויסגעטרעטען די דאקטוירים: וואצלאוו קאהן, בראם, סטעפאן קאהן און אנדערע, וועלכע האבען ערקלערט, אז דער דאזיגער פארשלאג איז אנטי-קאנסטיטוציאנעל, נישט עטיש און האט דעם צוועק נאר צוצוברעכען דעם איינהייטליכען פראנט פון פעראיין, אזוי, אז ער איז גורם בו ברענגען די דאקטוירים אי מאראלישען, אי מאטעריעלען שאדען. כדאי צוצוגעבען, אז פון די קריסטליכע דאקטוירים האט זיך קיינער נישט ארויסגעזאגט פאר׳ן איינפיהרען דעם אריער-פאראגראף און ער איז טאקי איינשטימיג אבגעווארפען געווארען. די פערזאמלונג טרעט דאן צו צו בעהאנדלען די רעזאלוציע, וואס זאל בעגרינדען דאס אבווארפען דעם פארשלאג. מצד די יודען ווערט פארגעלעגט א רעזאלוציע, וועלכע דריקט אויס דיזעלבע מאטיוון, וואס זענען — ווי אויבען — ארויסגעזאגט געווארען דורך די יודישע דאקטוירים; דר. בארקאווסקי ערקלערט אבער, אז אויב די רעזאלוציע וועט בנוגע די מאטיוון געמילדערט ווערען, ד. ה., אז אויב זי וועט זיך בלויז בעגניגען מיט ערקלערען, דאס דער פארשלאג ווערט אבגעווארפען צוליב דער טובה פון פעראיין און דאקטוירים-שטאנד, וועלען אויך די קריסטליכע דאקטוירים פאר איהר שטימען.

די יודישע רעזאלוציע ווערט דאן צוריקגעצויגען און ס׳ווערט איינשטימיג אנגענומען די רעזאלוציע פון דר. בארקאווסקי.

צום סוף קומען פאר ערגענצונגס-וואהלען פון דער פערוואלטונג און דערמיט ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

ארום דער דעמיסיע פון מיניסטעריאל-ראט אלעקסאנדער האפטקע.

ווי מען גיט איבער פון ווארשע, האט די פלוצים׳דיגע דעמיסיע פון לאנגיעהריגען רעפערענט פאר יודישע ענינים אין אינערן-מיניסטעריום, אונזער בן-עיר אלעקסאנדער האפטקע, געמאכט אין די דארטיגע יודישע געזעלשאפטליכע קרייזען א שטארקען רושם.

בנוגע דער סיבה פון דער דעמיסיע געהען אין ווארשע ארום פערשידענע קלאנגען. איין ווערסיע זאגט, אז די דעמיסיע זאל שטעהן אין צוזאמענהאנג מיט די רעזולטאטען פון דער לעצטענס אדורכגעפיהרטער רעוויזיע אין קאמיטעט צו פערטיידיגען די יודישע שחיטה. מען זאל האבען פארגעווארפען האפטקע׳ן, אז ער איז געשטאנען אין קאנטאקט מיט דעם דאזיגען קאמיטעט.

דער אמת וועגען סכסוך אין „וואולקאן“.

קאנפיסקירט דעם „גאניעץ“ צוליב א העץ - ארטיקעל וועגען שטרייק.

מען מוז זיין זעהר פארזיכטיג און שרייבען נאר דאס, וואס ס׳איז פעסטגעשטעלט געווארען מיט פאקטען. ס׳האנדעלט זיך וועגען אקופאציע-שטרייק, וועלכער איז אויסגעבראכען אין דער פאבריק „וואולקאן“, וועלכע געהערט צו די יודישע אייגענטימער פרעגער און לאנדוי.

אין דער דאזיגער פאבריק ארבייטען ביז 140 ארבייטער, צווישען וועלכע ס׳זענען פערהאנען אויך העכער 40 יודען. לעצטענס זענען די ארבייטער אריינגעטרעטען אין קלאסען פעראיינען און געשלאסען אנ׳אבמאך מיט די פאבריקאנטען, אז אלע שטרייט-פראגען דארפען ווערען ערלעדיגט דורכ׳ן פארשטעהער פון פעראיין ה׳ קאזשמירטשאק, א דעלעגאט פון דער פאבריק און דעם פאבריקאנט ה׳ פרעגער.

צווישען די קריסטליכע ארבייטער איז אבער פערהאן א גרופע, וועלכע געהערט צו די ז. ז. ז. איינער פון די לעצטע אוואנטורירט זיך כסדר, מאכענדיג העסליכע אויסרופען געגען יודען און האט זאגאר מיאוס בעליידיגט איינעם פון די פאבריקאנטען. אט די אנהענגער פון ז. ז. ז. פערדריסט, וואס לעצטענס ווערען צוגענומען אין דער דערמאנטער פאבריק אויך יודישע ארבייטער.

יענע וואך האט דערזעלבער אוואנטורניק געמאכט א סקאנדאל, וואס האט אויפגערודערט די גאנצע פאבריק, אזוי אז די פאבריקאנטען זענען געצוואונגען געווען איהם צו ענטזאגען פון דער ארבייט. דער אבגעזאגטער ארבייטער האט זיך דאן צוגויפגערעדט מיט זיינע אנהענגער און אנ׳ערך 20 ארבייטער האבען זיך מיט איהם סאלידאריזירט, ערקלערענדיג אנ׳אקופאציע שטרייק. די איבריגע 120 ארבייטער האבען אבער ווייטער געארבייט.

די ארבייטער, וואס געהערען צום קלאסען-פעראיין, ווי אויך די פאבריקאנטען האבען געהאלטען, אז דער דאזיגער סכסוך דארף אין הסכם מיט׳ן אבמאך ערלעדיגט ווערען דורך דעם בעשטימטען קאלעגיום. די 20 אנהענגער פון ז. ז. ז. האבען אבער דערויף נישט געוואלט מסכים זיין און זעצען פארט דעם אקופאציע-שטרייק, דערביי האבען זיי פערבאריקאדירט דעם הויפט קעסיל, וואו מען גיסט דאס אייזען, אזוי, אז די איבריגע 120 ארבייטער קאנען ביים בעסטען ווילען נישט ארבייטען.

דער „גאניעץ“ האט, ווי געוועהנליך, שוין געמאכט א פראוואקאציע און געשריבען אין העץ נוסח, אז די יודישע פאבריקאנטען ווילען אבשאפען די פוילישע ארבייטער און אויף זייער ארט צונעמען יודען און אז די יודישע ארבייטער זענען אנגעפאלען אויף די פוילישע ארבייטער און ס׳גיסט זיך בלוט אויפ׳ן הויף פון דער פאבריק. (אגב איז דערזעלבער „גאניעץ“ קאנפיסקירט געווארען פאר דער דאזיגער ליגענד).

איצט, בעת מיר שרייבען די דאזיגע שורות, איז די לאגע אזא, אז אלע ארבייטער אהן אויסנאהם בעקומען רעדוקציע-צעטלען און די פאבריק ווערט אבגעשטעלט, ביז די מאסגעבענדע קרייזען וועלען אינטערווענירען און געבען די מעגליכקייט, אז די פאבריק, וואס גיט בעשעפטיגונג 140 ארבייטער, זאל קאנען נארמאל ווייטער ארבייטען.

מיר ווילען דא נישט דערצעהלען וועגען די הינטער-כוונות פון דער דאזיגער אוואנטורע, וואס איז אויסגעבראכען אין „וואולקאן“ און מיר האלטען זיך אויך אב פון יעדע פירושים. דער פאקט, אז אין א יודישער פאבריק זאל א גרופע פון 20 ארבייטער קענען אונדירעקט טעראריזירען 120 ארבייטער און זיי נישט צולאזען צו דער ארבייט און דאס נאר דערפאר, ווייל דער רוב וויל נישט מסכים זיין מיט דער קליינער מינדערהייט, רעדט שוין גענוג פאר זיך...

די אנטי-יודישע געשעהעענישען אין קושעפיץ פאר׳ן געריכט.

אנהויב פוריגעס יאהר, אזוי ווי אין פיעל שטעדט און שטעדטלעך פון טשענסטאכאווער פאוויאט, זענען אויך אין קושעפיץ פארגעקומען אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען. אנגעהויבען האט עס זיך פון אומקעהרען די יודישע סטראגאנעס, אבער די פאליציי האט שנעל בעהערשט די סיטואציע און צוריקגעשטעלט די ארדנונג. דערביי זענען אבער ארעסטירט געווארען עטליכע פערזאן.

אינ׳ם זעלבען מאמענט האבען זיך בעוויזען די 2 ענדעקישע טהוער אדאם וויעך און יאן יאניק און געשטעלט א ווידערשטאנד דער פאליציי, פרובענדיג דערביי אבצוקלאפען די ארעסטירטע. ביי דער געלעגענהייט האבען זיי אויך נישט פערגעסען צו רופען דעם המון צו ווייטערדיגע ארויסטרעטונגען און שלאגען די יודען.

דער עפילאג פון די דאזיגע געשעהענישען האט זיך אבגעשפילט אינ׳ם קרייז געריכט, וואס האט וויעכ׳ן און יאניק׳ן פעראורטיילט צו 6 חדשים תפיסה, נור צוליב דעם, וואס זיי זענען ביז איצט נישט געוועזען בעשטראפט — ווערט דאס אויספיהרען די שטראף אבגעלעגט אויף 2 יאהר.

א געזעלשאפטליכער אווענד אין יודישען גימנאזיום

שבת, דעם 27.2 ארדענט איין דער עלטערן-קאמיטעט פון יודישען גימנאזיום א גראנדיעזען געזעלשאפטליכען אווענד. עס ווערט צוגעגרייט א מאסע איבערראשונגען—און ספעציעלע אטראקציעס, וועלכע וועלען פערשאפען אנ׳אמת׳ן נחת-רוח אלע בעזוכער. די אווענדען פון יודישען גימנאזיום האבען שוין א גוטע טראדיציע און עס איז בעקאנט אלע ווי גוט מען וויילט זיך אויף די דאזיגע פעראנשטאלטונגען. די גאנצע הכנסה איז בעשטימט פאר׳ן פאנד פון אויסענדיגען דעם בנין פון נייעם גימנאזיום.

אנהויב 8 א זייגער אין אווענד.

פון דער געז. „תומכי-עניים".

די פערוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט „תומכי עניים" האט אויף איינע פון איהרע זיצונגען בעשלאָסען נישט צו שיקען אויף חתונות קיין אינקאַסענטען. דאַגעגען וועלען אויף יעדער שמחה דעלעגירט ווערען 2 עהרען מיטגלידער פון פעראיין, כדי צו זאמלען נדבות פאר „תומכי-עניים".

ס'איז צו האָפען, אז נעמענדיג אין אַכט די נויט פון די יודישע אָרימע מאַסען, וועלען די מחותנים און אנדערע בעלי-שמחה אויפנעמען די דעלעגאטען בסבר פנים יפות.

פייערליכע תרומפּלדור - אַקאַדעמיע.

פאריגען זונטאג, האט דער היגער קן פון בית"ר איינגעאָרדענט אין אייגענעם לאָקאַל (אַלעע 40) א תרומפּלדור-אַקאַדעמיע, ווי אויך די בר-מצוה-פייערונג אין צוזאמענהאנג מיט דער דרייצעניעהריגער עקזיסטענץ פון אַלוועלטליכען בית"ר.

די אַקאַדעמיע הויבט זיך אָן מיט א פייערליכען מסדר הקן. 9.30 אווענד נעמט דער מפקד הקן אָב דעם ראַפּאָרט און עפענט אין העברעאיש די אַקאַדעמיע, דער תורן ציגרט יאָהרצייט-ליכט און דער קן זינגט „מרן ועד באר שבע". דער יונגער ביתר קילשטיין זינגט „אל מלא רחמים". דאן לעזט פאר דער מפקד דעם כרוז פון ראש בית"ר אין נציבות בית"ר — אין צוזאמענהאנג מיט דער בר-מצוה-פייערונג.

אין פרעזידיום פערנעמען פּלעצער פאָרשטעהער פון נ.צ.אָ. די ה"ה פּראָפ. ב. וויינבערג (הצה"ר), ח. ל. יונגסטער (אחדות ישראל), וויינשטאק, מפקד מ. זעלצער א.א. די יונגע ביתר'ה גוטא יאַרקאָווזנא איבערגיט די ביאָגראַפיע פון יוסף תרומפּלדור. עס דעקלאַרירען די ביתריות חיה כץ, גוטא ראַטנער א. אנד. זעהר שעהן האט דעקלאַרירט דער יונגער בירנצווייג. עס האלטען דאן לענגערע רעפעראַטען די ה"ה יונגסטער און וויינבערג. צום שלוס האלט א שעה'דיגען רעפעראַט דער מפקד משה זעלצער. דער מזכיר צוטיילט די תעודות בר-מצוה פון שלטון בית"ר. 12 א זייגער ביינאכט ווערט די אימפּאָזאַנטע פייערונג אין א געהויבענע שטימונג פערענדיגט.

מאָרגען דער „טאָז-באַל".

דער „טאָז"-באַל האט ארויסגערופען א געוואַלדיגע פעראינטערעסירונג. דער „טאָז" טעלעפאָן ווערט כסדר אַלאַרמירט מצד די דאָזיגע, וואס האבען קיין איינלאַדונגען נישט בעקומען.

עס ווערען צוגעגרייט א מאַסע אַטראַקציעס; עס וועלען געוועהלט ווערען א „מיס טאָז", קעניגין און קעניג פון באַל א. א. זעהר אינטערעסאַנטע אַטראַקציעס.

דער היי-יעהריגער באַל וועט זיין זעהר אימפּאָזאַנט.

אנ'אייגענער בופעט דערצו א רייכער, געשמאַקער און פונדעסכווענען א ביליגער.

פון קאַמעראַל-טעאַטער.

היינט, פרייטאג און מארגען, שבת האלב 9 א זייגער אווענד ווערט געשפּילט די הערליכע 3 אַקטיגע קאָמעדיע פון פאָדאָר „די קירכען מויז" ביים אַנטייל פון גאנצען אַנסאַמבל, אונטער דער רעזשי פון יאן באַנעצקי, ארטיסט פון די ווארשאווער טעאַטערן „נאַראָדאָווי" און „פּאָלסקי". דעקאָראַציעס פון פּ. קראַסאָווסקי.

זו טאג 3.30 און 5.45 נאכמיטאג „מענשען אויפ'ן אייז" פון ווערנער און 8.30 אווענד — „די קירכען מויז".

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאַסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפעלושארניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמיש רייניגען און פּאַסאַנירען קאַפּעלושן,

נדבות פאָר דער געז. „תומכי עניים"

ה' ב. ז. חיפה (פּאַלעסטינא) 20 זל.

ה' שלמה איילענבערג און פרוי צוליב דער חתונה פון זייער טאָכטער 2 זל.

ה' נתן גוטנפלד א נדר 2 זל.

ה' י' שוואַרץ האט ארויינגעטראָגען פון א וועט צווישען די ה"ה: ז. און ה. 2 זל.

ה' י. שטייניץ און פרוי אנשטאט א טעלעגראַמע צו דער חתונה פון פרל. פראַנקאַ באַטשאַן מיט ה' הערמאַן העלמאַן 10 קילאָ ברויט.

ה' אהרן ניימאַן צו דער יאַהרצייט פון זיין פאטער 10 קילאָ ברויט.

ה' נח ווישליצקי צו דער יאַהרצייט פון זיין פאטער 10 קילאָ ברויט.

ה' יחיאל גאַמולינסקי צו דער יאַהרצייט פון זיין פאטער 5 קילאָ ברויט.

בעת'ן אָבפיהרען אין ארעסט, געוואָרפען זיך אויפ'ן פּאָליציאַנט.

דער געזוכטער דורך דער פּאָליציי אנדזשעי וואַוזשיניאַק, שטאַמט פון נאַראַמיעץ, וועלכער האט געהאַט אָבצוזיצען 4 טאג ארעסט, האט איהם די פּאָליציי ענדליך געפונען, און בעת דער פּאָליציאַנט קולקא האט איהם אָבגעפיהרט אין ארעסט, איז דער אַרעסטירטער פאר'ן פּאָליציי-פּאָסטערונעק אָנגעפאַלען אויפ'ן פּאָליציאַנט, געכאַפּט איהם פאר'ן האַלז, געקאַפּעט מיט די פיס א. ד. גל. דאך איז איהם נישט געלונגען זיך אַרויסצורייסען פון די הענד פון פּאָליציאַנט.

ער וועט יעצט האבען אויף זיך א משפט פאר שטעלען א ווידערשטאַנד דער מאַכט.

דערהרגעט א ברודער צוליעב אַ שטיק האָלץ.

אין פויערים וואַלד אונטער אָשיאַקאָוו איז צווישען די ברידער פראַנציִשעק און יוזעף טארטשינסקי פון אָשיאַקאָוו לאַנד-אייגענטימער, אויסגעבראָכען א סכסוך צוליעב א בוים (א סאָסנע) וואס איין ברודער האט חושד געווען דעם צווייטען אין גנבה. דער קאָנפליקט האט זיך געענדיגט מיט א ברודער-מאָרד, וואס דער יונגערער ברודער האט מיט אַ רעוואָלווער געשאָסען אויפ'ן עלטערן ברודער פראַנציִשעק, טרעפענדיג איהם אין הארצען. נאָך עטליכע מינוט איז ער געשטאָרבען. דער ברודער-מערדער איז אַרעסטירט געוואָרען.

פון דער קליינהענדלער - אָרגאַניזאַציע.

ווי מען גיט אונז איבער, האט די פעראייניגטע קליינהענדלער - אָרגאַניזאַציע, וואס איז ארונטער אלס אָבטיילונג פון צענטראַלען קליינהענדלער פערבאַנד, זיך שוין איבערגעטראָגען אין נייעם גרויסען לאָקאַל אויף אַגראָדאָווע 5.

דער סעקרעטאַריאַט, וועלכער איז געהעריג איינגעאָרדענט געוואָרען און פערזעהען מיט פאַכמענישע כחות, איז טעטיג טעגליך פון האלב 8 ביז 9 אין אָווענד.

גלייכצייטיג בעט אונז די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע אויפמערקזאַם צו מאכען, אז זעזאָניעס וועגען הכנסה שטייער דארפען אָבגעגעבען ווערען ביז'ן 1-טען מערץ. די נויטיגע פאָרמולאַרען געפונען זיך אין סעקרעטאַריאַט און ווערען ערלעדיגט פאר די מיטגלידער אומזיסט.

טשענסטאָכאָוו דראָהט פאַרלויפיג נישט קיין געפאַהר.

פון דער געגענד ארום דזיאַלאָשין, שעראַדז א.ד.גל. קומען אָן אַלאַרמירענדע ידיעות וועגען דער גרויסער שטייגערונג פון דער איבערפלאַך פון טייך וואַרטאַ, וועלכע איז שוין אין מאַנכע ערטער אריבער די ברעגעס.

די מאַסגעבענדע אָרגאַנען זענען מודיע, אז דער שטאָדט טשענסטאָכאָוו דראָהט פאַרלויפיג נישט צוליב דעם קיין שום געפאַהר.

PRZY PRZEZIĘBIENIU, GRYPIE, KATARZE
proszek ze zn. fabr.
KOWALSKINA
dla dorosłych

„יודעל מיט'ן פידעל" נור ביז שבת אין קינאָ „עדען".

היינט, פרייטאג און מארגען שבת ווערט אין קינאָ „עדען", אַלעע 12 דעמאָנסטרירט, אויפ'ן פערלאַנג פון פּובליקום, דער ערשטער יודישער קלאַנג-פילם „יודעל מיט'ן פידעל".

דער דאזיגער הערליכער פילם, וואס אילוסטרירט דאס יודישע כלי זמר-לעבען איז פול מיט הארציגע מוזיק, געזאַנג, הומאָר און סענטימענט. די הויפּט-ראָלען פיהרען אויס די בעסטע ווארשאווער יודישע אַרטיסטען צוזאַמען מיט דער בעריהמטער אַמעריקאַנער קינסטלערין מאָלי פּיקאָן, וועלכע האט אינ'ם דאָזיגען פילם איבערגעשטיגען זיך זעלבסט. די אַלע, וועלכע האבען דאס פריערע מאָל נישט בעוויזען צו זעהען דאס דאזיגע, איינציגע אין דעם אַרט קונסטווערק, דאַרפען אויסנוצען די לעצטע געלעגענהייט היינט, פאר'ן אָבשיקען דעם פילם קיין אַמעריקא, איבערהויפּט, אַז א טייל פון דער הכנסה איז בעשטימט פאר דער זעהר נוצליכער און פּאָפּולערער געזעלשאַפט „תומכי-עניים".

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.

KINO „EDEN".

נור 4 טעג — פון מיטוואָך ביז שבת

די גענילסטע יודישע שוישפּילערין

מאָלי פּיקאָן

אין דעם ערשטען יודישען קלאַנג-פילם מיט א גרויסען אייראָפּעאישען פערנעם פון יודישען כלי-זמר לעבען

יודעל מיט'ן פידעל

אין די הויפּט-ראָלען:

מ. באָזשיק, ש. פאָסטעל, ל. ליבגאָלד, ד. פאָקעל, ש. נאָמאָן, ס. לאַנדוי, א. קורץ, מ. ברין, ח. לעווין, ב. ליבגאָלד.

א טייל פון דער הכנסה איז בעשטימט לטובת „תומכי עניים".

Kino „LUNA"

די גרעסטע דראַמע פון דער איצטיגער צייט!

MATURA

לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון פאָדאָר

אין די הויפּט-ראָלען:

סימאָנס סימאָן און הערבערט מאַרשאַל

יעדען טאג מיטאָג סעאַנסען צו ביליגע פרייזען

MAJERLING

מיט טשאַרלז באָיער.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

פּרעמיערע!

W cieniu samotnej sosny

פילם אין נאַטורעלע פאַרבען, וועגען וועלכען מ'וועט לאַנג רעדען.

אין די הויפּט-ראָלען: סילוויאַ סידניי, פרעד מאַק מוריי, הענרי פאָנד.

קליינינקייטען.

ר' מאיר שלמה הירש א שוחט און די „מאַדאַם" הירש א רב...

לאַכט נישט, דאָס איז נישט קיין וויץ, נאָר אנ'אמת'ער פאַקט. די פרוי פון דעם לינקען שוחט הירש פּסק'ענט שאלות. און נישט בלויז די שאלות פון עופות אָדער בהמות, וואס ווערען אָוועקגעשאָכטען פון איהר כשר'ען מאַן, נאָר אנדערע שאלות ווערען אויך דורך איהר גע'פּסק'ענט.

איהר פרעגט פון וואַנען זי האט סמיכה—דאס איז קיין שאלה נישט. היות ווי איהר זיידע, זאגט זי, איז געווען א דיין, האט ער זי אויסגעלערנט די חכמה. ווי זאגט דאס שפּריכוואָרט: א שיקסע פון רב קאָן אויך פּסק'ענען...

שוין לאַנג האט מען געשמועסט, אז אויסער דעם, וואס איהר מאַן איז מאכיל טרפות א שטאָדט יורען דורך זיין „שחיטה", פערנעמט זי זיך מיט פּסק'ענען שאלות. איצט אָבער קאָן איך אייך דערצעהלען א לעבעדיגען פאַקט, וואס בעשטעטיגט דאס אַלעס:

א פרוי (איהר נאָמען און אַדרעס איז דאָ ביי אונז אין רעדאַקציע) האט געקויפט א וואַמפּ פון פרעמדער שחיטה, האט זי געפינען א גרויסען נאָגעל וואס איז געווען אָדורכגעשטאָכען דורך דער וואַמפּ. איז זי אוועק צו אַ דיין פרעגען א שאלה. היות אָבער ווי דער דיין האט צוליב דעם, וואס דאס איז פון פרעמדער שחיטה, נישט געוואָלט פּסק'ענען, האט מען דער יורענע גע-ראַטען, זי זאָל געהן פרעגען א שאלה צו דער צדקניות מאַדאַם הירש און יענע האט טאַקי גע'פּסק'ענט כ ש ר.

מען האט וועגען דעם ענין צווויסען געטהון דעם ראַבינאַט און דער דיין ר' יוסף פּראַקאַש איז אוועק צו דער פרוי פון דער וואַמפּ אויף א חקירה ודרישה און ס'האט זיך בעשטעטיגט, אז די „מאַדאַם" הירש האט טאַקי גע'פּסקנ'ט אויף א טריפה'נע וואַמפּ כשר.

טהוען מיר צוויסען דעם יודישען עולם אין טשענסטאָכאָוו, אז נישט בלויז, וואס הירש איז א שוחט נאָר אויך זיין ווייב, די הירשיכע, איז א רב.

געזוכט געשמוגעלט פלייש און געפונען... א בר מנן.

די היגע כשר'ע קצבים זענען פערינטערעסירט, אז מען זאָל נישט אריינברענגען קיין טשענסטאָכאָוו געשמוגעלט כשר פלייש, וואָס איז זיי גורם א שאָדען און דערפיהרט אויך דערצו מען זאָל פערקלענערען דעם קאָנטינגענט כשר פלייש פאר טשענסטאָכאָוו.

היטען דעריבער די קצבים אויף אַלע רוגען און ווען זיי פאַקען א שמוגעל מעלדען זיי דער פּאָליציי.

די וואָך זונטאג איז אָבער געשעהען אַ אונאָנגענעהמער קוריאָז, וואס האט פערשאַפט סיי די קצבים און סיי די „שמוגלער" גרויס עגמת נפש.

עס פאַהרט א פוהרעל פון דזשבוב צוגעדעקט מיט א טוך, בעמערקען דאס די קצבישע שומרים און איינער דעם צווייטען גיט איבער בקיצור, אז דאָ פיהרט מען געשמוגעלט פלייש. די קצבים זענען געווען אַזוי זיכער, דאס זיי האבען געפאַקט די כשר'ע מציאה, אז זיי האבען נישט אפילו צוערשט בודק געווען די פוהר, נאָר באַלד געבראַכט אַ פּאָליציאַנט, וועלכער איז צוגעטרעטען צו קאָנפיסקירען דאס פלייש. ווי גרויס איז אָבער געווען אַלעמענס איבעררראשונג, ווען מען האָט אנשטאט געשמוגעלט פלייש געפונען א בר-מנן.

די קצבים זעהענדיג זייער טעות, האבען זיך געוואָלט צוריקציהען און געבעטען דעם פּאָליציאַנט, ער זאָל נישט טשעפּען דעם מת. דער אויפזעהער פון דער מאכט אָבער האָט נישט געוואָלט אַזוי שנעל רעזיגנירען פון דער כשר'ער מציאה און מען האט דעם בר-מנן „פערבעטען" אין קאָמיסאַריאַט און געמאכט אַ חקירה ודרישה, ווער ער איז פון וואַנען ער קומט א. א. וו.

ערשט נאָך די השתדלות'ן פון אַדוואָקאַט אַש האט מען דעם מת געלאָזט קומען צו קבר ישראל.

מען האט געזוכט געשמוגעלט פלייש און געפונען...

סעם

ווילונער נייעס.

די קהלה פּערטרעט וויצע-פּרעזעס ר' אברהם בעסער.

צוליעב דער קראַנקהייט, האט דער קהלה פּרעזעס יוסף יונג זיך געוואַנדען מיט אַ בריעף צום וויצע-פּרעזעס ה' אברהם בעסער, אז ער זאָל פערטרעטען זיין אַמט אַלס פּרעזעס ביז צום אָברופען.

ה' בעסער האט באַלד מאנטאג צונויפגערופען אַ פערוואַלטונגס - זיצונג.

אויף דער דאָזיגער זיצונג איז בעשלאָסען געוואָרען: צו העכערן דעם שחיטה-אָבצאָהל פון גסות פון 4 אויף 7 זל., פון איבער 300 קילאָ לעבעדיגע וואָג אויף 10 זל., די קהלה-קאַסע אָבצוגעבען אין „באַנק ספּולדזיעלטשי. עס זענען אויך געשאַפען געוואָרען פאָלגענדע תקנות: קיינער פון דער פערוואַלטונג טאָר זיך נישט זעלבסשטענדיג מעכטיגען צו רעדוצירען עמיצען דעם עטאַט. דער פּרעזעס צוזאַמען מיט צוויי דאָזערס קענען ערטיילען אַ פערזאָן שטיצע ביז 5 זל., מעהר פון דער סומע געהער צו דער קאָמפּעטענץ פון דער קאָמיסיע פאר סאָציאַלער שוץ. די קהלה וועט האבען א קאָנטראָל אויף דער פּרייז פון כשר פלייש, צו דער טייערער פּרייז איז בעגרינדעט.

עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, אַז צוליעב דעם, וואס דער קעסעל איז געפּלאַצט אין דער מקוה זאָל מען דערווייל פּראָוויזאָריש לאָזען די וואַנעס.

בעגרעניצט אויף א העלפט מיט כשר פלייש אין ווילון.

מיר ווערען אינפאָרמירט דאס אויף חודש מערץ וועט דער קאָנטיגענט פון דער כשר'ער שחיטה אין ווילון ווערען רעדוצירט פון 30.000 קילאָ אויף 15.000.

אַזוי אַרום וועט די יודישע בעפעלקערונג בלייבען אויף פסח כמעט אָהן כשר פלייש און ס'וועט קאָסטען נאָך טייערער, ווי היינט, ווען א קילאָ כשר פלייש קאָסט שוין 1.40 און די פריגע וואָך בלויז 1.20.

אַ גנבה אין דער יבנה-שולע

אין דער נאַכט פון מאנטאג אויף דינסטאג האבען גנבים מיט דער הילף פון א צוגעפּאַסטען שליסעל זיך אַריינבעקומען אין דער יבנה-שולע און צוגעגנב'עט דאס „מעבעל", וואס איז בעשטאַנען פון עטליכע זלאָטעס געלד, ביכער און שרייב - מאַטעריאַלען, אין דער אַלגעמיינער ווערט פון 25 זל.

די תפיסה-מויערען ברעכען זיך און די „לאַקאַטאָרען" ווערען עוואַקואירט

אין די מויערען פון די ווילונער תפיסה, האבען זיך בעוויזען טיעפע שפּאַלטען, וואס ס'האט בעאונרוהיגט די תפיסה מאַכט, אז ס'זאָל נישט קומען צו קיין קאַטאַסטראָפע. די תפיסה מאכט האט דעריבער בעשלאָסען צו עוואַקואירען די אַרעסטאַנטען.

ביז היינט זענען 150 מאָן געוואָרען איבערשיקט אין דער שעראַדזער און אין אנדערע תפיסות. א טייל זענען געוואָרען לאָקירט אין די הייזלעך פון דער תפיסה-וואָרשטאַפט אויפ'ן אסיאַקאָווער שאָסע.

עס האַלט דערביי, אז די תפיסה זאָל אינגאַנצען איבערטראָגען ווערען פון ווילון. דאס וואָלט זיך זעהר שלעכט אָבגערופען אויפ'ן עקאָנאָמישען מצב פון ווילון. די ליקווידאַציע פון דער תפיסה וואָלט אויך געבראַכט מיט זיך די ליקווידאַציע פון א רייהע אַמטען, ווי דער אַמט פון אויספּאָרשונגס-ריכטער, די קרייז-געריכטס-סיסטעם, דאָן די פיעל בעאַמטע פון דער תפיסה זעלבסט, אויסער וואס די שטאָדט וואָלט היזק געהאט א סך פאָר „וואַלאָבקעס" (פּעקלעך עסען) א. ד. גל.

דער מאַגיסטראַט און דער סיימיק מאַכען בעמיהונגען, אז די תפיסה זאָל ווייטער בלייבען אין ווילון.

אויב דער ענין וועט ווערען פּאָזיטיוו ערלעדיגט רעכענט ה' שוואַרצבאָרד אויפצושטעלען א 2 שטאָקיגע געביידע פון דער תפיסה.